בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

ברסלב

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר׳ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

תשפ״ז

410

## לשליחת מכתבים ושאלות
## אל הראש ישיבה שליט"א

**בדואר:**

MECHON ATZUSOI EMINU
PO BOX: 646
LIBERTY, NY 12754-9998

**או דרך:**

HTTPS://BRESLEVCENTER.COM/ANSWERS

**להרשמה לקבלת המכתב היומי במייל:**

CHIZIKYOMI@RABBIROTH.ORG

## להשתתפות וליטול חלק

בקונטרסים השבועיים או בשאר ספרי
המכון, המאירים את בתיהם
של אלפי יהודים

התקשרו אל הגבאי
מוה"ר **משה גראס** שליט"א
053-316-3399

בארה"ב ניתן להתקשר אל הגבאי
מוה"ר **לייבי ראטה** הי"ו
347-578-4449

או שלחו מייל לכתובת
DONATE@KERENHADFUSA.ORG

הוצאת ספרי רבינו זכותו יגן עלינו

מכון עצתו אמונה

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

זָאל אִיךְ זִיךְ אָנְטוּן אַזוֹי וִוי מַיין וַוייבּ ווִיל?..........................א

זָאל אַ פְּרוֹי עֶנְדֶערְשׁ דַאוְוענֶען שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, אָדֶער אֵייגֶענֶע תְּפִלּוֹת?...........ב

וואוּ אִיז מַיין מַאן אַוֶועקְגֶעפְלוֹיגְן מִיטְן טֶעבְּלֶעט?..........................ג

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

לָאז אָפּ אַלֶעס אוּן גֵיי צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן..........................א

הָאסְט גֶעטוּן חֲבִילוֹת עֲבֵידוֹת, טוּ חֲבִילוֹת מִצְוֹת..........................ב

מְטַהֵר זַיין דֶעם נֶפֶשׁ רוּחַ אוּן נְשָׁמָה, אוּן אוֹיךְ דֶער גוּף..........................ג

גֵיי יֶעדֶע נַאכְט צוּם שִׁיעוּר גְמָרָא..........................ד

מַיין אַרְבֵּייטֶער קוּמְט נִישְׁט אָן צוּ טוּן דִי אַרְבֶּעט..........................ה

יֶעדֶע וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער אִיז עוֹשֶׂה רוֹשֵׁם..........................ה

רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לְכָל הַפָּחוֹת דְרֵיי פִּיר מִינוּט..........................ו

זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר מִיט אַ חַבְרוּתָא..........................ו

וִוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען שֻׁלְחָן עָרוּךְ..........................ז

מַאךְ פְּרֵיילִיךְ, מַאךְ וֶוערְטְלֶעךְ, מַאךְ זִיס אִינְדֶערְהֵיים..........................ח

אַז מֶען פַאלְט, הֵייבְּט מֶען זִיךְ אוֹיף..........................ט

זָאל דִי שׁוּל בֶּעטְן גֶעלְט פַאר מַאכְן שִׂמְחוֹת?..........................י

יֶעדְן גְרֵיסְן; יוּנְגֶע, אַלְטֶע, אָרֶעמֶע, אוּן רַייכֶע..........................י

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ גֶעזוּנְט קִינְד..........................יא

פַאְרוָואס צָאלְן מֶענְטְשְׁן מֶער גֶעלְט פַאר רוֹימֶערְקֶעס?..........................יב

לֵייג אַרַיין אַלֶע דַיינֶע טַאלַאנְטְן אִין דַיין מְלַמְדוּת.............................יב

מִשְׁנַיוֹת גֵייט נִישְׁט אִינְאֵיינֶעם מִיט הֶערְן נַארִישְׁקֵייטְן.............................יג

לֶערְנֶען אוּן חַזֶר'ן דִי הֲלָכוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע לֶעבְּן.............................יד

דָאס קִינְד הָאט מוֹרָא צוּ שְׁלָאפְן אַלֵיין.............................טו

נֶעם אַ חָשׁוּבְ'עֶר רָב צוּ זַיין מְסַדֵר קִידוּשִׁין.............................טו

נִישְׁט רֵייכֶערְן אַרוּם דִי שׁוּל.............................טז

אַ מַאן מֶעג קוּקְן אִין שְׁפִּיגְל?.............................יז

מִיטְן גֵיין נָאךְ גֶעלְט הִיט מֶען אָפּ דִי שְׁטָאט.............................יט

גֶעעֶנְדִיגְט שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל.............................כ

דִי גְרוֹיסֶע זְכוּת פוּן מְנַדֵב זַיין פַארְן סֵפֶר שְׂפָתַי תִּפְתָּח.............................כ

רְפוּאָה שְׁלֵימָה בִּזְכוּת אַרַיינְלֵייגְן דִי כֹּחוֹת אִין דִי קִינְדֶער.............................כא

מַאכְן אַ סִידִי פַאר בָּחוּרִים.............................כב

גֶעבְּן שַׁאטְס פַאר קִינְדֶער.............................כג

פַארְוָואס אִיגְנָארִירְט מִיר מַיין וַוייבּ?.............................כד

מֶען טָאר נִישְׁט גֵיין צוּ עַרְכָאוֹת.............................כד

אָן דֶעם צַדִיק, פַארְגֶעסְט מֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.............................כה

וִוי שַׁיין דוּ הֶעלְפְסְט אוּן פִירְסְט דִי ווִירְטְשַׁאפְט אִין שְׁטוּבּ.............................כו

נִישְׁט גֵיין אִין אָפִּיס פַארְן דַאוְוענֶען.............................כו

קוֹיפְן אוּן דִינְגֶען הַייזֶער נָאר דוּרְךְ דִי הַנְהָלָה.............................כז

מִשְׁפָּחוֹת וָואס מַאכְן זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג.............................כח

דִי זְכוּתִים פוּן בּוֹיעֶן אַזַא שֵׁיינֶע שְׁטֶעטְל.............................כח

נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן דִי עֶלְטֶערְן אִין שָׁלוֹם בַּיִת פְּרָאבְּלֶעמֶען.............................כט

נִישְׁט אָפְּהַאלְטְן אַ שִׁידוּךְ פַאר אַ בָּחוּר הֶעכֶער דִי צְוָואנְצִיג.............................ל

דַיין וַוייבּ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק שְׁמוּעֶסְן אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִיר.............................לא

עֶנְק וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זֶרַע שֶׁל קַיָימָא.............................לב

מֶען מוּז צָאלְן שְׂכַר לִימוּד.............................לב

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## זָאל אִיךְ זִיךְ אָנְטוּן אַזוֹי וִוי מַיין וַוייבּ ווִיל?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין וַוייבּ ווִיל זֵייעֶר אַז אִיךְ זָאל זִיךְ אָנְטוּן אַנְדֶערְשׁ ווִי מֶען גֵייט בַּיי אוּנְז אִין דִי מִשְׁפָּחָה. אִיךְ ווִיל עֶס אָבֶּער נִישְׁט טוּן, ווַייל אִיךְ בִּין זֵייעֶר שְׁטַארְק מְכַבֵּד מַיין טַאטֶע, אוּן דָאס וֶועט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק מְצַעֵר זַיין.

מַיין וַוייבּ זָאגְט מִיר כְּסֵדֶר אַז מַיין טַאטֶע אִיז בַּיי מִיר מֶער חָשׁוּב ווִי אִיר, אוּן דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס שְׁטֶערְט אִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק. אִיךְ וֵויים נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, זָאל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ טוּן מַיין וַוייבְּ'ס ווִילְן, אָדֶער עֶנְדֶערְשׁ מְכַבֵּד זַיין מַיין טַאטֶע?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י״א מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ו**

**... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אַז דַיין וַוייבּ ווִיל דוּ זָאלְסְט גֵיין אָנְגֶעטוּן אַנְדֶערְשׁ ווִי דַיין טַאטֶע אוּן דָאס מַאכְט צַעַר פַּאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן - זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם מְצַעֵר זַיין דַיינֶע עֶלְטֶערְן, אוּן אַז דַיין וַוייבּ וֶועט אָנְהֵייבְּן זִינְגֶען דֶעם אַלֶעמֶען בַּאקַאנְטְן נִיגוּן: ״הָאסְט מֶער לִיבּ דַיין טַאטֶע ווִי מִיךְ״, ״דַיין טַאטֶע אִיז דִיר מֶער חָשׁוּב ווִי מִיךְ״ - זָאלְסְטוּ אִיר שֵׁיין זָאגְן: ״אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, דוּ בִּיסְט מִיר זֵייעֶר חָשׁוּב, אוּן נָאכְאַלְץ ווִיל אִיךְ נִישְׁט מַאכְן צַעַר פַּאר מַיינֶע עֶלְטֶערְן״.**

גֶעדֶענְק, מֶען דַארְף רֶעדְן שֵׁיין אִין שְׁטוּב און נִישְׁט גֵיין אִין וִיכּוּחִים, און אַז דִי ווייבּ וִויל דוּ זָאלְסְט אַרָאפְּנֶעמֶען דַיין בָּארְד, זָאלְסְטוּ אִיר זָאגְן שֵׁיין און אֵיידְל: "מַיין בָּארְד אִיז מִיר זֵייעֶר טַייעֶר", און פַאל נִישְׁט וֶוען זִי וֵויינְט און זָאגְט: "הָאסְט מִיךְ נִישְׁט לִיבּ"; זָאלְסְט וַוייטֶער רֶעדְן צוּ אִיר מִיט כָּבוֹד, אִיר וַוייטֶער זָאגְן שֵׁיינֶע זִיסֶע וֶוערְטֶער וִוי שְׁטַארְק דוּ הָאסְט אִיר לִיבּ, און נִישְׁט טַעְנָה'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאל אַ פְּרוּי עֶנְדֶערְשׁ דַאוֶועֶנֶען שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, אָדֶער אֵייגֶענֶע תְּפִלּוֹת?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי שִׁיעוּרִים און חִיזּוּק, וָואס הָאבְּן שְׁטַארְק גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן. אִיךְ קוּם פוּן דִי 'הֵיילִינְג' וֶועלְט, פוּן אַרוּמְלוֹיפְן צוּ אַלֶע וָואס זָאגְן אַז זֵיי קֶענֶען הֵיילְן, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן מִיךְ גֶעפִירְט אוֹיף זֵייעֶר אַ שְׁלֶעכְטֶע וֶועג, און יֶעצְט פְּרוּבִּיר אִיךְ צוּ פַארְעֶכְטְן דִי שָׁאדְן דוּרְךְ דִי חִיזּוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם דָא בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז וֶועגְן מַיין דַאוֶונֶען אִינְדֶערְפְרִי, נָאכְן זָאגְן בִּרְכּוֹת הַשַּׁחַר און קְרִיאַת שְׁמַע, הָאבּ אִיךְ נָאךְ אַ צֶען-פוּפְצְן מִינוּט בִּיז וֶוען אִיךְ דַארְף גֵיין צוּ דִי אַרְבֶּעט, אִיז עֶנְדֶערְשׁ צוּ זָאגְן דֶעמָאלְט אַן אֵייגֶענֶע פֶּערְזֶענְלִיכֶע תְּפִלָּה אוֹיף אִידִישׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן אַלֶעס וָואס אִיךְ דַארְף, אִיךְ לֵיין דָאס פוּן אַ צֶעטְל וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ פַארְגֶעשְׁרִיבְּן, און דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין מִיר אַ רוּאִיגְקֵייט וִויסְנְדִיג אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס לִיגְט מִיר אוֹיפְן הַארְץ; אָדֶער אִיז עֶנְדֶערְשׁ צוּ דַאוֶוענֶען אַ פַארְקוּרְצֶערְטֶער שַׁחֲרִית, דָאס הֵייסְט אַבִּיסְל פוּן פְּסוּקֵי דְזִמְרָא און שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י״א מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר זֶענְט זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, דִי חִיזוּק וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז שְׁטַארְקְט אוּנְז מִיר זָאלְן קֶענֶען אַלֶעס אַרִיבֶּערְגֵיין.

יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי וֶוען אִיר עֶנְדִיגְט בִּרְכוֹת הַשַּׁחַר מִיט קְרִיאַת שְׁמַע אוּן אִיר הָאט נָאךְ אַ צֶען פוּפְצֶן מִינוּט פַּאר אִיר גֵייט צוּ דִי אַרְבֶּעט, זָאלְט אִיר אַפָּאר מִינוּט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נֶעמְט אַ צֶעטְל אוּן שְׁרַייבְּט אַרָאפּ אַלֶעס וָואס אִיר דַארְפְט, אַלֶע אַייעֶרֶע בַּקָּשׁוֹת, אַלֶע גֶעבְּרוֹיכְן, אוּן דָאס זָאלְט אִיר יֶעדְן טָאג דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ. דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ וָואס קֶען נָאר זַיין, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן כה): ״הִתְבּוֹדְדוּת הוּא מַעֲלָה עֶלְיוֹנָה וּגְדוֹלָה מִן הַכֹּל״, דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ - אִיז דִי הֶעכְסְטֶע אוּן גְרֶעסְטֶע זַאךְ, הֶעכֶער פוּן אַלֶעס; דָאס אִיז וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מֶען זָאל שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶע פְרֵיינְד, אוּן אַזוֹי וִוי אַ קִינְד רֶעדְט צוּ זַיין טַאטֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וואוּ אִיז מַיין מַאן אַוֶועקְגֶעפְלוֹיגְן מִיטְן טֶעבְּלֶעט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז דָאס וֶועט פַּאסִירְן אוֹיבּ מַיין מַאן בַּאקוּמְט אַ טֶעבְּלֶעט. עֶר

קוּמְט אַהֵיים פוּן דִי אַרְבֶּעט, מִיר זִיצְן בַּיים טִישׁ אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף מִיר בִּכְלַל, נָאר אוֹיפְן טֶעבְּלֶעט, מִיר גֵייעֶן שְׁלָאפְן אוּן עֶר אִיז אוֹיפְן טֶעבְּלֶעט, אִיךְ ווִיל רֶעדְן צוּ אִים אוּן עֶר אִיז פַארְנוּמֶען מִיטְן טֶעבְּלֶעט, אוּן זֶעט גָארְנִישְׁט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ אוֹיסֶער זַיין טֶעבְּלֶעט.

אֵיידֶער עֶר הָאט גֶעהַאט דֶעם טֶעבְּלֶעט, ווֶען עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַ צַייט ווֶען עֶר קוּמְט אַהֵיים, אִיז עֶר דֶעמָאלְט גֶעווֶען אִינְדֶערְהֵיים, אָבֶער יֶעצְט אוֹיבּ ווֶעל אִיךְ אִים נִישְׁט רוּפְן, קֶען עֶר בְּלַייבְּן אִינְדְרוֹיסְן פַאר לַאנְגֶע שָׁעוֹת.

אִיךְ ווֵייס אַז עֶר אִיז נִישְׁט שְׁלֶעכְט, אָבֶער עֶס הַרְגְ'עֶט מִיר אַוֶועק אִינְגַאנְצְן. אִיךְ מוּז בַּאטָאנֶען אַז דֶער טֶעבְּלֶעט הָאט אַ פִילְטֶער, אָבֶער עֶר אִיז מַמָּשׁ צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דִי סְקְרִין. אִיךְ שְׁפִּיר מַמָּשׁ ווִי אִין גֵיהִנּוֹם, אִיךְ בִּין מַמָּשׁ פַארְלוֹירְן.

מִיר וַוארְטְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ שִׂמְחָה, אָבֶער אַנְשְׁטָאט צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיז מִיר בִּכְלַל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט דָאס לֶעבְּן, אִיךְ שְׁפִּיר בִּכְלַל נִישְׁט ווִי אִיךְ הָאבּ אַ מַאן, זַיין קָאפּ אוּן מֹחַ אִיז עֶרְגֶעץ אַוֶועקְגֶעפְלוֹיגְן, נִישְׁט מִיט מִיר.

מִיר דַארְפְן זֵייעֶר ווִיכְטִיג הִילְף, אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט אַזוֹי אָנְגֵיין, אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר בִּיטֶע הֶעלְפְן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת לֶךְ לְךָ, י"א מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

ווָאס אִיז דָא צוּ זָאגְן? דֶער טֶעבְּלֶעט, טֶעלֶעפָאן, קָאמְפְּיוּטֶער - מַאכְט חָרוּב שְׁטוּבֶּער, עֶס פַארְטְרַייבְּט דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה. מוֹהֲרַא"שׁ אִין דִי בְּרִיוו רוּפְט אָן דֶעם קָאמְפְּיוּטֶער - מְכַשֵּׁף, כִּישׁוּף מַאכֶער, ווַייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין סז:), ווָאס אִיז דִי נָאמֶען כִּישׁוּף? "שֶׁמַּכְחִישִׁין פָּמַלְיָא שֶׁל מַעֲלָה", זֵיי מַאכְן שְׁוַואךְ דִי כֹּחוֹת פוּן דִי קְדוּשָׁה, אוּן דָאס אִיז דִי קָאמְפְּיוּטֶער, טֶעבְּלֶעט, טֶעלֶעפָאן וְכַדּוֹמֶה לָזֶה.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַייעֶר מַאן זָאל עֶס אָפְּלָאזְן אוּן אַוֶועק ווַארְפְן, בֶּעטְס בַּיי דִי שַׁבָּת לֶעכְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַייעֶר שְׁטוּבּ זָאל זַיין

אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס. נָאר מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ הֵיילִיגֶע שְׁטוּבּ, דִי טוּמְאָה כַאפְּט זִיךְ אַרַיין אִין דִי שֶׁענְסְטֶע שְׁטִיבֶּער, בַּיי דִי שֶׁענְסְטֶע מִשְׁפָּחוֹת. מַמָּשׁ וָואס דֶער נָבִיא שְׁרַייט (יִרְמְיָה ט, כ): "כִּי עָלָה מָוֶת בְּחַלּוֹנֵינוּ בָּא בְּאַרְמְנוֹתֵינוּ לְהַכְרִית עוֹלֵל מִחוּץ בָּחוּרִים מֵרְחֹבוֹת", עֶס מַאכְט חָרוּב דִי יוּגְנְט, אוּן נָאר מִיט תְּפִלָּה פַאר עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, מִיט וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶע שְׁטוּבּ.

אִיר מֶעגְט זָאגְן אַייעֶר מַאן שֵׁיינֶערְהֵייט מִיט שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט: "אֶפְשָׁר אִיז בֶּעסֶער פַאר דִי שְׁטוּבּ עֶס זָאל נִישְׁט זַיין?" מֶען מֶעג רֶעדְן, מֶען דַארְף רֶעדְן, אָבֶּער עֶס מוּז גֵיין מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט אוּן מִיט אֵיידְלְקֵייט, נִישְׁט דֶער מַאן זָאל שְׁפִּירְן וִוי מֶען טֵיילְט אִים אַיין וָואס צוּ טוּן, כְּאִילוּ עֶר אִיז נִישְׁט בַּעַל הַבַּיִת; מֶען מוּז צוּ דֶעם הָאבְּן גְרוֹיס חָכְמָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## לָאז אָפּ אַלֶעס אוּן גֵיי צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל דִיר נָאכְאַמָאל מְחַזֵק זַיין אוֹיף דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד הוֹרִים, דוּ הָאסְט אַלְטֶע עֶלְטֶערְן אוּן וִוי לַאנְג נָאךְ וֶועסְטוּ זֵיי קֶענֶען מְחַיֶ׳ זַיין אוּן זֵיי בַּאדִינֶען ? עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען פַארְגֶעבְּן אַז דוּ הָאסְט זֵיי נִישְׁט בַּאדִינְט אוּן זֵיי מְחַיֶ׳ גֶעוֶוען.

אוֹיךְ אַז דוּ דְרֵייסְט זִיךְ נֶעבְּן מִיר פַאלְט דִי שׁוּלְד אוֹיף מִיר, דַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער הָאבְּן צוּ מִיר אַ טַעֲנָה הֲיִתָּכֵן אִיךְ נֶעם דִיךְ אַוֶועק פוּן קוּמֶען צוּ דִי עֶלְטֶערְן.

טַייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, הַלְוַואי וֶועסְטוּ מִיךְ אוֹיסְהֶערְן אוּן זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ גֵיין צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן, זֵיי מְחַיֶ׳ זַיין, שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי, זַיין מִיט זֵיי ; לָאז אָפּ אַלֶע עַסְקָנוּת, לָאז אָפּ אַלֶעס אוּן גֵיי צוּ זֵיי.

אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן פַארְיָאר [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו], יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט, מֶען דַארְף שְׁרַייבְּן אוּן שְׁרַייבְּן בִּיז מֶען פּוֹעֵלְ׳ט.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּרִיוו בַּאצִיט זִיךְ :

דַיין טַאטֶע אִיז אַלְט אוּן שְׁוַואךְ, גֵיי אַרִיבֶּער יֶעדְן טָאג אִים צוּ בַּאדִינֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ה׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

זַיי נִישְׁט בֵּייז אַז אִיךְ זָאג דִיר מוּסָר, אִיךְ וִויל נָאר דַיין אֵייבִּיגֶע גוּטְס.

הָאסְט אַן אַלְטְן טַאטְן, אַלְט אוּן שְׁוַואךְ, קֵיינֶער קוּקְט זִיךְ נִישְׁט אוּם אוֹיף אִים; פַּארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין יֶעדְן טָאג אִים מְשַׁמֵּשׁ זַיין? עֶס אִיז דָאךְ דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה אוֹיף דֶער וֶועלְט מְכַבֵּד זַיין אַ טַאטֶע, מְשַׁמֵּשׁ זַיין אַ טַאטֶע; אִיךְ וִויל נִישְׁט זָאגְן פַּאר אַנְדֶערֶע וָואס צוּ טוּן, הַלְוַואי זָאל אִיךְ אַלֵיינְס זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶּער דוּ זָאגְסְט מִיר שְׁטֶענְדִיג: "דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מִיר זָאגְן ווִי צוּ לֶעבְּן", "דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מִיךְ פַּארְרֶעכְטְן אוֹיבּ אִיךְ טוּ נִישְׁט גוּט" - דֶערְפַאר זָאג אִיךְ דִיר.

דַיינֶע אַלֶע עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם וָואס דוּ דִינְסְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג אוּן חָשׁוּב, אָבֶּער דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אַז מֶען הָאט אַן אַלְטֶע שְׁוַואכֶע טַאטֶע וָואס לִיגְט אִין בֶּעט - ווִי קֶען מֶען זִיךְ פַּטְרְ'ן מִיט צוּשְׁטֶעלְן אַן עֶרֶל? פַּארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט גֵיין יֶעדְן טָאג אִים מְשַׁמֵּשׁ זַיין?

אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט כִּיבּוּד אָב וָאֵם פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן; מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א, מַיין מַאמֶע תִּחְיֶ' - כָּל זְמַן זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן - הָאבְּן זֵיי טָאג אוּן נַאכְט בַּאדִינְט דִי עֶלְטֶערְן. אוֹיךְ מַיין שְׁוֶוער שְׁלִיטָ"א, כָּל זְמַן זַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעלֶעבְּט - הָאט מֶען אִים גֶעזֶען טָאג אוּן נַאכְט מְשַׁמֵּשׁ זַיין דִי עֶלְטֶערְן.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר, אִיךְ וִויל זָאלְסְט אַרַיינְכַאפְּן צוּ קֶענֶען טוּן דִי מִצְוָה.

...]

### הָאסְט גֶעטוּן חֲבִילוֹת עֲבֵירוֹת, טוּ חֲבִילוֹת מִצְוֹת

בְּעֶזְרַת הַ' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ז תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אֵין לְשַׁעֵר, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן גֶעטוּן אַסַאךְ עֲבֵירוֹת - נֶעמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָן זַיין תְּשׁוּבָה.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה כא, ה), אוֹיבּ הָאסְטוּ גֶעטוּן חֲבִילוֹת

עֲבֵירוֹת, זָאלְסְטוּ טוּן חֲבִילוֹת מִצְוֹת און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דִיר מוֹחֵל.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען פוּן הֵיילִיגְן סַאטְמֶער רֶבִּי'ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (דִּבְרֵי יוֹאֵל פָּרָשַׁת בְּרֵאשִׁית, עמוד פח), עֶר זָאגְט, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יט, יב), וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פָּארְגֶעהַאלְטְן אָדָם הָרִאשׁוֹן אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיפְן צִוּוּי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ און גֶעגֶעסְן פוּן דִי עֵץ הַדַעַת, הָאט אָדָם הָרִאשׁוֹן גֶעזָאגְט: "אָכַלְתִּי, וְאוֹכֵל עוֹד", אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעסְן און אִיךְ וֶועל וַוייטֶער עֶסְן, פְרֶעגְט עֶר, ווִי קֶען זַיין אַז אָדָם הָרִאשׁוֹן זָאל עֶנְטְפֶערְן אַזוֹי, מִיט גְרוֹיס חוּצְפָּה? זָאגְט עֶר, חַס וְשָׁלוֹם, פִּינְקְט פַארְקֶערְט, אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען אוֹיף תְּשׁוּבָה, וַוייל וֶוען מֶען זִינְדִיגְט מִיט אַ גֶעווִיסֶע אֵבֶר אִיז דִי רִיכְטִיגֶע תְּשׁוּבָה צוּ טוּן מִיט דִי אֵבֶר מִצְוֹת; אַז מֶען אִיז פּוֹגֵם מִיט דִי אוֹיגְן זָאל מֶען קוּקְן אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה מִיט דִי אוֹיגְן, אַז מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען מִיט דִי הֶענְט - זָאל מֶען טוּן מִצְוֹת מִיט דִי הֶענְט, און אַז מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בַּאֲכִילָה, מִיט עֶסְן - זָאל מֶען עֶסְן כָּשֶׁר'ס וְכוּ'.

דָאס הָאט אָדָם הָרִאשׁוֹן גֶעזָאגְט, "אָכַלְתִּי", אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעסְן פוּן דִי עֲבֵירָה, אָבֶּער אִיךְ קֶען תְּשׁוּבָה טוּן, "וְאוֹכֵל עוֹד", אִיךְ קֶען עֶסְן נָאךְ, אִיךְ קֶען פַארְרֶעכְטְן מִיט כָּשֶׁר'עֶ עֶסְן, אַזוֹי ווִי דִי פְרִיעֶר דֶערְמַאנְטֶע חֲזַ"ל, הָאסְט גֶעטוּן חֲבִילוֹת עֲבֵירוֹת, טוּ חֲבִילוֹת מִצְוֹת.

אַשְׁרֵינוּ אַז מִיר וֵוייסְן פוּן אַ רֶבִּי וָואס הָאט גֶעשְׁרִיגְן: "גֶעוַואלְד זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, קַיין יֵאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנְדְן!"

גֵיי אַ טֶענְצְל יֶעדְן טָאג, אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ.

...

**מְטַהֵר זַיין דֶעם נֶפֶשׁ רוּחַ און נְשָׁמָה, און אוֹיךְ דֶער גוּף**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרָשַׁת נֹחַ, כ"ז תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר וְיִזְרַח

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט צוּ רֶעדְן מִיט דִיר אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, און גָאר שְׁטַארְק אִיבֶּערְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן פוּן דַיין פִּדְיוֹן

נֶפֶשׁ; דִי צְוֵויי סְמַארְט טֶעלֶעפָאוֹנְס, אֵיין צֶעבְּרָאכֶענֶע און נָאךְ אַ נַייעֶ - וָואס דו הָאסְט אַוֶועק גֶעוָוארְפְן לְכָבוֹד דִי נַייעֶ יָאר. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן דו זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ אַ נֵס, זָאלְסְט טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ און אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ אִידִישֶׁע עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, פְּרוּבִיר צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, דָאס וֶועט מְטַהֵר זַיין דַיין נֶפֶשׁ, רוּחַ און נְשָׁמָה. אוֹיךְ דַיין גוּף וֶועט וֶוערְן רֵיין און הֵיילִיג; מִשְׁנַיוֹת הָאט אַ כֹּחַ אַרָאפְּצוּנֶעמֶען אַלֶע טֻמְאוֹת און זוּהֲמוֹת.

...

### גֵיי יֶעדֶע נַאכְט צוּם שִׁיעוּר גְמָרָא

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, כ״ז תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

שְׁטַארְק זִיךְ און גֵיי יֶעדֶע נַאכְט צוּם שִׁיעוּר, דֶער דַיָין לֶערְנְט פָאר דֶעם דַף גְמָרָא; עֶס אִיז אַזוֹי וִויכְטִיג זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא.

אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם קוּמֶענְדִיגֶע יָאר, תשפ״ז, דִי וָואךְ פוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת - וֶועלְן מִיר נָאכְאַמָאל מְסַיֵּים זַיין גַאנְץ שַׁ״ס; אוֹי וִוי גוּט און וִוי זִיס דָאס לֶעבְּן אִיז וֶוען מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג גְמָרָא.

אַ בְּלַאט גְמָרָא גֶעבְּט לֶעבְּן, אַ בְּלַאט גְמָרָא בַּאשִׁיצְט פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, אַ בְּלַאט גְמָרָא נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע פְּחָדִים, עֶנְקְזֵייעֶטִיס וְכוּ׳, גְמָרָא הֵיילְט דֶעם מֶענְטְשׁ.

אִיךְ וֵוייס אַז נָאךְ אַ טָאג שְׁוֶוער אַרְבֶּעטְן אִיז נִישְׁט גְרִינְג אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן שְׁטוּב, דֶערִיבֶּער שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר, וַוייל אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ, אִיךְ וִויל דַיין גוּטְס, אִיךְ וִויל דַיין נִצְחִיוּת.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז יֶעדֶע מָאל אִיךְ זֶע דִיךְ - מַאכְסְטוּ מִיךְ פְרֵיילִיךְ.

...

**מַיין אַרְבֵּייטֶער קוּמְט נִישְׁט אָן צוּ טוּן דִי אַרְבֶּעט**

**אַ אִינְגֶעְנִיר וָואס פִירְט אַ בִּיזְנֶעס פְרֶעגְט:**

אִיךְ הָאבּ אַ שְׁאֵלָה מִיט אַן אַרְבֶּעטֶער, אַ מֵיידְל; אִיר מַאמֶע הָאט בַּאקוּמֶען לֹא עָלֵינוּ דִי בִּיטֶערֶע מַחֲלָה אוֹיף אַ שְׁוֶוערֶע אוֹפָן פַאר אַ חוֹדֶשׁ צוּרִיק, פוּן דֶעמָאלְט אִיז זִי מִיט אִיר מַאמֶע אִין שְׁפִּיטָאל, אַרַיין אוּן אַרוֹיס, אוּן זַאכְן אִין דִי אַרְבֶּעט וֶוערְן נִישְׁט גֶעטוּן, אִיז דִי שְׁאֵלָה וָואס אִיךְ זָאל טוּן; פוּן אֵיין זַייט ווִיל אִיךְ אִיר נִישְׁט אַרוֹיסְוַוארְפְן פַאר דֶעם, וַוייל אִיךְ וָואלְט נִישְׁט גֶעוָואלְט מֶען זָאל עֶס טוּן פַאר מִיר, אוּן וֶוען זִי אִיז יָא דָא גֶעוֶוען יֶעדְן טָאג הָאט זִי גֶעטוּן זֵייעֶר אַ גוּטֶע אַרְבֶּעט, אָבֶער פוּן דִי צְוֵוייטֶע זַייט וֶוערְן זַאכְן נִישְׁט גֶעטוּן, וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט:**

אִיר פְרֶעגְן וָואס אִיר פְּלַאן אִיז, חַס וְשָׁלוֹם וֵויי טוּן. רֶעד מִיט אִיר שֵׁיין, פְרֶעג אִיר וָואס אִיר פְּלַאן אִיז, אוֹיבּ זִי וֶועט קוּמֶען אִין אַרְבֶּעט אָדֶער נִישְׁט.

...

**יֶעדֶע וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער אִיז עוֹשֶׂה רוֹשֶׁם**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, כ״ז תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרַט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן זַיין אַ מְלַמֵּד, לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער מִידוֹת טוֹבוֹת אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן טוּ גְלֵייבְּן אַז יֶעדֶע וָוארְט וָואס מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין קִינְדֶער אִיז עוֹשֶׂה רוֹשֶׁם, אֲפִילוּ מֶען טוּט דָאס נִישְׁט אָנְזֶעֶן אוֹיף דִי מִינוּט.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ חַזֶר׳ן סִימָן רפ״ב פוּן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳; דִי תּוֹרָה אִיז דִי פוּנְדַאמֶענְט פוּן אִידִישְׁקֵייט, וואוּ דֶער רֶבִּי טוּט עֶרְקְלֶערְן אַז מֶען מוּז זֶען אִין זִיךְ אַלֵיין גוּטְס, מֶען מוּז הַאלְטְן פוּן זִיךְ, מֶען מוּז קוּקְן גוּט אוֹיף זִיךְ, וַוייל דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם טוּט מִיט רִשְׁעוּת צֶעבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ, בִּיז דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט בִּבְחִינַת מֵת, אַ טוֹיטֶער; אַזוֹי וַוארְפְט עֶר אִים אַרָאפּ אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית רַחֲמָנָא לִצְלָן.

גֵיי אַ טֶענְצְל יֶעדְן טָאג 'בָּרוּךְ שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי', טַאטֶע אִיךְ לוֹיבּ דִיךְ אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד'.

...

## רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לְכָל הַפָּחוֹת דְרֵיי פִיר מִינוּט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ח תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

פַאר דוּ הֵייבְּסְט אָן דַיין טָאג, פַאר דוּ לוֹיפְסְט צוּ דַיין אַרְבֶּעט, פַאר וָואס, וֶוען אוּן וִוי - זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרוֹיסְזֶעצְן הִינְטֶער דַיין שְׁטוּבּ, (הָאסְט דָאךְ אַ שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע פָּארְטְ"שׁ, פְּרִיוַואט) - אוּן רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לְכָל הַפָּחוֹת דְרֵיי פִיר מִינוּט.

עֶרְשְׁט זָאלְסְטוּ אִים דַאנְקֶען פַאר אַלֶע חֲסָדִים, צְוֵוייטְנְס טוּ תְּשׁוּבָה, טוּ וִידּוּי דְבָרִים, דֶערְצֵייל נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל יֶעדְן טָאג זַאכְן וָואס אִיז נִישְׁט גוּט, זַאכְן וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט דִיךְ צוּגֶערֶעדְט, דֶערְצֵייל דִי נִסְיוֹנוֹת וָואס דוּ הָאסְט, אוּן דִי דְרִיטֶע מִינוּט זָאלְסְט אַוֶועק גֶעבְּן צוּ בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער, בְּעִיקָר אוֹיף דֶעם אַז דוּ זָאלְסְט זַיין עֶרְלִיךְ, לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ הַאלְטְן שֵׁיין אוּן טַייעֶר דִי מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דַיין וַוייבּ; דוּ הָאסְט אַן אֵשֶׁת חַיִל, דַארְפְסְט אִיר נָאר גֶעבְּן אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן חַס וְשָׁלוֹם אַריינְגֵיין אִין טַעֲנוֹת אוּן וִיכּוּחִים.

...

## זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר מִיט אַ חַבְרוּתָא

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ח תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט אִיז דָא נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע מַבּוּל וִוי אִין דִי צַייטְן פוּן נֹחַ, מוֹהֲרַ"אשׁ זָאגְט, הַיינְט הָאבְּן מִיר בֵּיידֶע טֻמְאוֹת, סַיי דוֹר הַמַּבּוּל אוּן סַיי דוֹר הַפְּלָגָה;

פון אֵיין זַייט נִיאוּף רַחֲמָנָא לִצְלָן און פון דִי אַנְדֶערֶע זַייט מִינוּת וּכְפִירָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, רַחֲמָנָא לְשֵׁיזְבָן, און דִי עֵצָה אִיז - זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין תֵּבַת נֹחַ; וָואס אִיז דִי תֵּבַת נֹחַ? קוּמֶען אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען און לֶערְנֶען, דוּרְכְדֶעם וֶוערְט מֶען נִיצוֹל פון דִי מַיִם הַזֵּידוֹנִים, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (קִדּוּשִׁין ל:): "אִם פָּגַע בְּךָ מְנֻוָּל זֶה", אוֹיב דוּ הָאסְט נִסְיוֹנוֹת - "מָשְׁכֵהוּ לְבֵית הַמִּדְרָשׁ", לוֹיף אִין שׁוּל לֶערְנֶען און דַאוֶוענֶען.

אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר מִיט אַ חַבְרוּתָא, לֶערְנֶען יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי גְמָרָא אָדֶער הֲלָכָה בִּקְבִיעוּת, דָאס אִיז אוֹיסֶער דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אִין מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, מֶדְרָשׁ, הֲלָכָה וְאַגָּדָה; זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר מִיט אַ חַבְרוּתָא, וַוייל נָאר דָאס בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, נָאר תּוֹרָה וּתְפִלָּה; מֶען וֶוערְט עֶלְטֶער, מֶען הָאט מֶער נִישְׁט כֹּחַ צוּ אַרְבֶּעטְן - וֶוערְט מֶען דֶעפְּרֶעסְט, און וֶוער רֶעדְט נָאךְ פון שְׁפֶּעטֶער וֶוען מֶען וֶוערְט אַ נִפְטָר, מֶען וֶוערְט אַזוֹי בְּעַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן מג), מַה שֶּׁאֵין כֵּן דֶער וָואס לֶערְנְט - בַּאגְלֵייט אִים דִי תּוֹרָה בָּזֶה וּבַבָּא.

...

## וִוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען שֻׁלְחָן עָרוּךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרָשַׁת נֹחַ, כ"ח תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער, הָרַב ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ הָאסְט דוּרְךְ גֶעלֶערְנְט הִלְכוֹת שַׁבָּת, רִאשׁוֹנִים מִיט אַחֲרוֹנִים, און עֶס אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט און זִיךְ פַארְהֶערְט און גוּט גֶעקֶענְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין וַוייטֶער אִין לֶערְנֶען, לְבָרֵר שְׁמַעְתְּתָא אַלִּיבָּא דְּהִלְכְתָא.

יֶעצְט וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען הִלְכוֹת בָּשָׂר בְּחָלָב זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען דִי דֶרֶךְ הַלִּימוּד וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט, וִוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען. זָאלְסְט לֶערְנֶען דֶעם טוּר בֵּית יוֹסֵף מִיטְן בַּ"ח, אוֹיךְ דֶעם דְּרִישָׁה וּפְרִישָׁה מִיטְן דַּרְכֵי מֹשֶׁה; לֶערְן דָאס נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל בִּיז דוּ בִּיסְט קְלָאר מִיט אַלֶע

שִׁיטוֹת רִאשׁוֹנִים וְאַחֲרוֹנִים. נָאכְדֶעם לֶערְן דֶעם מְחַבֵּר רְמָ"א טוּרֵי זָהָב מִיטְן שַׁ"ךְ, אוֹיף דֶעם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען חַוּוֹת דַּעַת מִיט פְּרִי מְגָדִים מִיט יֶעדְן נְקוּדוֹת הַכֶּסֶף. אִיךְ הָאף אַז בִּיז סוֹף זְמַן וֶועסְטוּ קֶענֶען גוּט גַאנְץ הִלְכוֹת בָּשָׂר בְּחָלָב.

לֵייג זִיךְ שְׁלָאפְן פְּרִי, נָאךְ מַעֲרִיב רֶעד נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, נָאר מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער. שְׁטֵיי אוֹיף פַארְטָאגְס, לֶערְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, בַּבְלִי, יְרוּשַׁלְמִי, תּוֹסֶפְתָּא, מֶדְרָשׁ אוּן זוֹהַר מִיט סִפְרֵי רַבֵּינוּ.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת יֶעדְן פַארְטָאגְס צְוִוישְׁן דִי בֵּיימֶער, וֵויין זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין נָאר צוּ טְרַאכְטְן פוּן אִים, נִישְׁט מַסִיחַ דַעַת זַיין פוּן אִים.

...

### מַאךְ פְרֵיילִיךְ, מַאךְ וֶוערְטְלֶעךְ, מַאךְ זִיס אִינְדֶערְהֵיים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ח תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

זֶע עֶס זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ, עֶס זָאל זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע מַצָב, אַ לוּפְטִיגֶע אַטְמָאסְפֶער, עֶס זָאל זַיין לוּפְט פַאר דִי קִינְדֶער צוּ אָטֶעמֶען.

מֶען זֶעט אוֹיף דִי קִינְדֶער אוֹיבּ זֵיי קוּמֶען פוּן אַ פְרֵיילִיכֶע שְׁטוּבּ; דִי קִינְדֶער זֶענֶען מֶער קְלוּג, מֶער שַׁארְף אוּן גֶערִיבְּן, אוּן אוֹיבּ אִיז דִי שְׁטוּבּ מִיט נֶערְוֶועז, מִיט עַצְבוּת, מִיט קוֹלוֹת, מִיט קְרִיטִיק - וֶוערְן דִי קִינְדֶער פַארְמַאכְט אוּן פַארְקְלַאפְּט, זֵיי ווִילְן נָאר אַנְטְלוֹיפְן חַס וְשָׁלוֹם.

אוֹיךְ דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת מַאךְ פְרֵיילִיךְ; מַאךְ וֶוערְטְלֶעךְ, מַאךְ זִיס. אַוַודַאי לֶערְנְט מֶען אוֹיס דוּרְכְאוֹיס דִי וָואךְ צוּ הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר עֶלְטֶערְן, אָבֶּער בַּיי דִי סְעוּדוֹת אִיז נִישְׁט אַ צַייט פוּן אוֹיסְלֶערְנֶען, בַּאשְׁטְרָאפְן, קְנַסְ'עֶנֶען, וֵויינֶען, פַארְהֶערְן, פַארְלַאנְגֶען וְכוּ' וְכוּ', דִי סְעוּדוֹת דַארְפְן זַיין

גָאר גֶעשְׁמַאק. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (יִתְרוֹ פח.): "וּבָעֵי בַּר נָשׁ לְאִתְעַנְגָּא בְּהוּ", מֶען דַארְף עֶסְן דִי סְעוּדוֹת מִיט פַארְגֶענִיגְן, "וּלְמֶחֱדֵי בְּהוּ", אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי סְעוּדוֹת, נִישְׁט אָנְגֶעצוֹיגְן חַס וְשָׁלוֹם.

...

## אַז מֶען פַאלְט, הֵייבְּט מֶען זִיךְ אוֹיף

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרָשַׁת נֹחַ, כ"ח תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרַט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

לָאז זִיךְ נִישְׁט פַאלְן, לָאז זִיךְ נִישְׁט נָאךְ, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט: "אִם נָפַלְתָּ, קַמְתָּ" (מִיכָה ז, ח), אַז מֶען פַאלְט - הֵייבְּט מֶען זִיךְ אוֹיף; וִוי אַזוֹי הֵייבְּט מֶען זִיךְ אוֹיף? דוּרְךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ וִידּוּי דְבָרִים.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, מַאךְ זִיךְ אַ צַייט יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ מִיטְן רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דֶערְצֵייל אִים וִוי דוּ פַאלְסְט, דֶערְצֵייל אִים וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט חֲתוּנָה הָאבְּן, זַיין עֶרְלִיךְ, זַיין הֵיילִיג, אוּן וִוי אַזוֹי דוּ מוּטְשֶׁעסְט זִיךְ.

בְּרוּדֶער, ווִיסְן זָאלְסְטוּ, דִי תְּפִלּוֹת פוּן בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, וִוי זֵיי וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זֵיי ווִילְן זַיין עֶרְלִיךְ, דִי תְּפִלּוֹת זֶענֶען זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס וֶוערְט אַ הֶערְלִיכֶע בְּלִיטְשְׁקֶעדִיגֶע קְרוֹין פַארְן מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זֵיי מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס.

נָאר שְׁטַארְק זִיךְ, נָאר דֶערְהַאלְט זִיךְ.

זָאג יֶעדְן טָאג דִי עֲשָׂרָה מִזְמוֹרִים, דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ], דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אַנְטְפְּלֶעקְט.

...

**זָאל דִי שׁוּל בֶּעטְן גֶעלְט פַּאר מַאכְן שִׂמְחוֹת?**

דֶער גַבַּאַי אִין הָאשְׁקִי שׁוּל הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיבּ עֶס אִיז רִיכְטִיג צוּ בֶּעטְן גֶעלְט פַּארְן נִיצְן דִי שׁוּל פַּאר שִׂמְחוֹת, וְוִי שַׁבָּת שֶׁבַע בְּרָכוֹת וְכַדוֹמֶה לָזֶה; עֶר זָאגְט אַז דִי גַבָּאִים הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ מִיטוּנְג אוּן מֶען וְויל בֶּעטְן צְוִוישְׁן פִינְף הוּנְדֶערְט דָאלֶער אוּן טוֹיזְנְט דָאלֶער.

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט:**

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַמָאל גֶעזָאגְט פַּאר דִי גַבָּאִים פוּן רְחוֹב יְרוּשָׁלַיִם אַז מֶען זָאל גֶעבְּן דִי שׁוּל פַּאר בַּעֲלֵי שִׂמְחוֹת, דִי שׁוּל אִיז נִישְׁט קַיין פְּרִיוַואטֶע זַאךְ, דִי שׁוּל גֶעהֶערְט פַּאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי קְהִילָה, מֶען זָאל נָאר בֶּעטְן אַפָּאר דָאלֶער פַּארְן רֵיין מַאכְן וְכַדוֹמֶה. אוֹיסֶער אוֹיבּ דֶער בַּעַל שִׂמְחָה בַּאשְׁטֶעלְט אַ קֶעיטֶערֶער, עֶר לָאזְט זִיךְ קָאסְטְן, דֶעמָאלְט דַארְף עֶר אוֹיךְ בַּאצָאלְן פַּאר דִי שׁוּל, אָבֶער אַז עֶר מַאכְט עֶס פָּשׁוּט, עֶר קָאכְט אַלֵיין דִי עֶסְן אוּן מַאכְט נִישְׁט קֵיין טַייעֶרֶע מַעֲשִׂיוֹת, אַלֶעס אִיז פָּשׁוּט, לְדַעְתִּי זָאל מֶען נִישְׁט בֶּעטְן קַיין גֶעלְט.

...

**יֶעדְן גְרִיסְן; יוּנְגֶע, אַלְטֶע, אָרֶעמֶע, אוּן רַייכֶע**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ח תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, בָּארָא פַּארְק**

גֶעבּ יֶעדְן אַ שְׁמֵייכְל, גֶעבּ יֶעדְן אַ גוּט וָוארְט, הָאסְט נִישְׁט קֵיין הַשָּׂגָה וְוִי וַוייט אֵיין גוּט וָוארְט קֶען אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ, וְוִי וַוייט אֵיין שְׁמֵייכְל קֶען יֶענֶעם מְחַיֶ' זַיין.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן מג), אַז מְחַיֶ' זַיין אַ מֶענְטְשׁ 'הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאוֹד', וַוייל מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרוּם מִיט יְסוּרִים גְּדוֹלִים וְנוֹרָאִים, זֵיי זוּכְן אֵיינֶעם וָואס קֶען זֵיי מְחַיֶ' זַיין, אוּן מִיט אֵיין שְׁמֵייכְל אוּן אַ גוּט וָוארְט - גֶעבְּט מֶען זֵיי לֶעבְּן.

אַז דוּ קוּמְסְט אִינְדֶערְפְרִי אִין שׁוּל זָאלְסְטוּ יֶעדְן גְרִיסְן; יוּנְגֶע, אַלְטֶע,

אָרֶעמֶע, רַייכֶע; הָאבּ נִישְׁט מורָא פון קֵיינֶעם, און אֲפִילוּ די בַּעֲלֵי מָרָה שְׁחוֹרָה וָואס גְרִיסְן נִישְׁט צוּרִיק, דוּ גְרוּס זֵיי טָאג טֶעגְלִיךְ, בִּיז זֵיי וֶועלְן וֶוערְן צֶעלָאזְט און שְׁמֵייכְלֶען.

וואו דו גֵייסְט נָאר זָאלְסְטוּ יֶעדְן זָאגְן "הֶעלָאוֹ", און פַאר חָשׁוּבְ'עֶ מֶענְטְשְׁן זָאלְסְטוּ גְרִיסְן מִיט זֵייעֶר נוּסָח, נִישְׁט "הֶעלָאוֹ", נָאר "אַ גוּטְן". נֶעם דָאס פַאר דַיין מִצְוָה, דָאס זָאל זַיין דַיין קַבָּלָה, בִּפְרַט וֶוען דוּ זֶעסְט בָּחוּרִים וָואס קֵיינֶער קִימֶערְט זִיךְ נִישְׁט מִיט זֵיי זָאלְסְטוּ זֵיי בַּאגְרִיסְן מִיט ט' קַבִּין גוּטֶע וֶוערְטֶער, דָאס וֶועט זֵיי אוֹיפְלֶעבְּן.

לֶערְן יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת מִיט אַ יוֹם תְּהִלִּים.

...

## דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ גֶעזוּנְט קִינְד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ט תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

מַזָל טוֹב פַאר די גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה פון די גֶעבוּרְט פון דַיין טָאכְטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן נַחַת אִינְאֵיינֶעם מִיט דַיין וַוייבּ גֶעזוּנְטֶערְהֵייט.

הֶער נִישְׁט אוֹיף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר די גְרוֹיסֶע חֲסָדִים, אַז דַיין וַוייבּ אִיז גֶעזוּנְט, און אַז דוּ הָאסְט אַ גֶעזוּנְט קִינְד, און אַלֶעס אַרוּם זָאל דִיר נִישְׁט אָנְגֵיין. דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם קֶען נִישְׁט סוֹבֵל זַיין אַ אִידִישֶׁע שִׂמְחָה, טוּט עֶר אוֹיסְדְרֵייעֶן די קָאפּ פון די עֶלְטֶערְן, זֵיי זָאלְן זַיין פַארְנוּמֶען מִיט זַייטִיגֶע נִישְׁטִיגֶע זַאכְן, אַבִּי נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ און אַבִּי נִישְׁט גֶעדֶענְקֶען פון דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זַיי שְׁטַארְק מִיט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, און הַאלְט אָן דַיין גוּטֶע אוֹיפְפִירוּנְג פון נִישְׁט רֶעדְן אִין שׁוּל בַּיים דַאוֶוענֶען.

...

**פַארְוָואס צָאלְן מֶענְטְשְׁן מֶער גֶעלְט פַאר רוֹימֶערְקֶעס?**

**דִי פְרוֹי וָואס אִיז גֶעשְׁטֶעלְט צוּ זָארְגְן פַאר גוֹי'טֶעס אִין שְׁטֶעטְל פְרֶעגְט:**

אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ הַאלְטְן דִי פְּרַייז פוּן דִי גוֹי'טֶעס בַּיי זֶעכְצְן דָאלֶער אַ שָׁעָה, וָואס טוּט מֶען אִין אַ פַאל וָואס מֶענְטְשְׁן רוּפְן גוֹי'טֶעס פְּרִיוַואט אוּן בַאצָאלְן צְוָואנְצִיג דָאלֶער אַ שָׁעָה?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט:**

מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ דִי פְרוֹיעֶן, זֵיי פַארְשְׁטֵיין גֶעבְן אַז לְטוֹבַת דִי אַיינְוואוֹינֶער זָאל מֶען נִישְׁט צָאלְן מֶער, אוּן אַז מֶען הַאלְט זִיךְ צוּזַאמֶען וֶועלְן מִיר זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

קֵיינֶער אִיז נִישְׁט שְׁלֶעכְט, מֶען דַארְף רֶעדְן, מֶען דַארְף זִיךְ דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן; הַלְוַאי וֶוען אִיר קֶענְט דָאס פַארְשְׁטֵיין גֶעבְן, וֶועלְן אַלֶע פַארְדִינֶען.

...

**לֵייג אַרַיין אַלֶע דַיינֶע טַאלַאנְטְן אִין דַיין מְלַמְּדוּת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ט תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

גְרֶעסֶערְס פוּן זַיין אַ מְלַמֵּד - אִיז נִישְׁטָא, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן דִי זְכִיָּ' צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד - זָאלְסְטוּ אוֹיסְנִיצְן אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת אוּן אַלֶע דַיינֶע טַאלַאנְטְן פַאר דִי זַאךְ; אַרַיינְצוּבְלָאזְן חַיּוּת אִין דִי קִינְדֶער, פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי קִינְדֶער מִיט אֱמוּנָה, מִיט תּוֹרָה, מִיט תְּפִלָּה אוּן מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים.

זוּךְ דִיר נִישְׁט קֵיין שׁוּם מִצְוֹת צוּ טוּן אִין דִי זַייטִיגֶע צַייטְן, זוּךְ נִישְׁט צוּ גֵיין צוּ שִׁיעוּרִים, גֶעבְן שִׁיעוּרִים וְכוּ' וְכוּ', גֵיי שְׁלָאפְן פְּרִי, שְׁטֵיי אוֹיף פְּרִי, לֶערְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, אוּן קוּק זִיךְ פָאר וָואס דוּ דַארְפְסְט לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער. טְרַאכְט אוֹיס מְשָׁלִים, גְרֵייט אָן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, מַעֲשִׂיּוֹת פוּן מִידוֹת טוֹבוֹת, הֶער אוֹיס טֶעיפְּס פוּן מְלַמְּדִים וָואס דֶערְצֵיילְן

דִי פַּרְשָׁה מִיט מִדְרָשֵׁי חֲזַ"ל, גוּט אַרָאפְּגֶעלֵייגְט, אִינְטֶערֶעסַאנְט פַאר קִינְדֶער, אוּן דְרַיי עֶס אִיבֶּער אוֹיף אוּנְזֶער מְסוֹרָה, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אַלֶע מַעֲשִׂיּוֹת זָאלְן זַיין גֶעפְלָאכְטְן מִיט תְּפִלָּה, וְהָעִקָּר לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה.

דִי שָׁעוֹת וָואס דוּ זִיצְט מִיט דִי קִינְדֶער זָאלְסְטוּ אָנְקוּקְן וִוי דוּ דַאוֶונְסְט שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, וָואס עֶס אִיז אָסוּר לְהַפְסִיק אֲפִילוּ לְמֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל.

...

## מִשְׁנַיּוֹת גֵייט נִישְׁט אִינְאֵיינֶעם מִיט הֶערְן נַארִישְׁקֵייטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ט תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ מִיט לֶערְנֶען תּוֹרָה עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו; צוּ לֶערְנֶען אֲפִילוּ בְּלִי הֲבָנָה.

לֶערְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, גֵיי כְּסִדְרָן פוּן אָנְהֵייבּ בִּיזְן סוֹף, אוּן הֵייבּ אָן נָאכְאַמָאל; אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן. הֵייבּ אָן דַיין טָאג מִיט לֶערְנֶען אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת אוּן מִיטְן זָאגְן תְּהִלִּים. מִשְׁנַיּוֹת רֵייניגְט דִי מֹחַ, עֶס רֵייניגְט דִי הַארְץ, עֶס רֵייניגְט פוּן אַלֶע טֻמְאוֹת אוּן זוּהֲמוֹת. אֲפִילוּ מֶען אִיז פַארְשְׁמִירְט מִיט עֲבֵירוֹת, אוּן אֲפִילוּ מֶען אִיז פַארְדְרֵייט פוּן טוּן עֲבֵירוֹת; אַז מֶען לֶערְנְט מִשְׁנַיּוֹת וֶוערְט מֶען צוּרִיק רֵיין אוּן דִי מֹחַ וֶוערְט מְיֻשָּׁב.

וֶוען דוּ זָאגְסְט מִשְׁנַיּוֹת אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ הֶערְן הַאטְלֵיינְס, אִינְטֶערְוְויוּס, בַּדְחָנוּת, קַאמֶעדִיס וְכוּ׳, עֶס אִיז תַּרְתֵּי דְסָתְרֵי, עֶס אִיז דָּבָר וְהִפּוּכוֹ. בִּכְלַל אִיז כְּדַאי זִיךְ אָפְּצוּלָאזְן פוּן אַלֶע הַאטְלֵיינְס, אִינְטֶערְוְויוּס, בַּדְחָנוּת, קַאמֶעדִיס וְכוּ׳, דֶער רֶבִּי זָאגְט דָאךְ (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה, סִימָן יג): "מִי שֶׁהוּא רָגִיל בִּשְׂחוֹק, בְּיָדוּעַ שֶׁהוּא רָחוֹק מִגְּדֻלַּת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", וֶוער עֶס אִיז פַּארְטוּן אִין דִי נַארִישֶׁע זַאכְן פוּן קַאמֶעדִיס, לַאכְן פוּן בַּדְחָנוּת – אִיז וַוייט

פון וויסן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי, (שָׁם אוֹת אֱמֶת, סִימָן מז): "מִי שֶׁשּׁוֹמֵר אֶת עַצְמוֹ", וֶוער עֶס הִיט זִיךְ, "מִשְּׂחוֹק שֶׁל הַתּוֹל", פוּן דִי נַארִישֶׁע לַאכְן פוּן הֶערְן בַּדְּחָנִים, קַאמֶעדְיֶעס, "בְּיָדוּעַ שֶׁהוּא אִישׁ אֱמֶת".

זַיי גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ.

...

### לֶערְנֶען אוּן חַזֶר'ן דִי הֲלָכוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ...**

זֶע צוּ לֶערְנֶען אוּן חַזֶר'ן דִי הֲלָכוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע לֶעבְּן, אוּן זָאלְסְט זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ הִיטְן דִי הֲלָכוֹת פוּן הַרְחָקוֹת וְכוּ'; נָאר אַז מֶען הִיט דִי הֲלָכוֹת - הָאט מֶען גֶעזוּנְטֶע עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, יוּנְגֶע קָאפְּלְס דַארְפְן גֵיין צוּ שִׁיעוּרִים, דֶער מַאן צוּ אַ מֶענֶער שִׁיעוּר אוּן דִי וַוייבּ צוּ פְרוֹיעֶן שִׁיעוּרִים, וואוּ מֶען לֶערְנְט אוֹיס דִי הֲלָכוֹת צוּ זַיין קְלָאר מִיט דִי 'לוּחַ', מִיט דִי טֶעג 'יוֹם הַחוֹדֶשׁ', 'יוֹם הַפְּלָגָה', 'עוֹנָה בֵּינוֹנִית'. אוֹיךְ מוּז מֶען גֵיין צוּם דַיָּין פְרֶעגְן יֶעדֶע קְלֵיינֶע פְרַאגֶע.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זֶען אִין שְׁטוּבּ זָאל זַיין שִׂמְחָה, וַוייל נָאר מִיט שִׂמְחָה הָאט מֶען שְׁטַארְקֶע גֶעזוּנְטֶע נֶערְוֶוען, אוּן מֶען קֶען פַארְנֶעמֶען דִי אִיבֶּערְגֵייאַכְטְס.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## דָאס קִינְד הָאט מוֹרָא צוּ שְׁלָאפְן אַלֵיין

**אַ אִינְגֶערְמַאן פְּרֶעגְט:**

אִיךְ הָאבּ אַ טָאכְטֶער פוּן זֶעקְס יָאר אַלְט, שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט הָאט זִי שְׁרֶעק, מֶען אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען בַּיי טֶערָאפִּיסְטְן, אָבֶער נָאכְאַלְץ אִיז עֶס נִישְׁט גֶעוָוארְן בֶּעסֶער, מֶען הַאלְט אוּן אֵיין בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִי זָאל בֶּעסֶער וֶוערְן אָבֶער מֶען וַוארְט נָאךְ אוֹיף אַ יְשׁוּעָה, זִי ווִיל נָאר שְׁלָאפְן אִין אוּנְזֶער שְׁלָאף צִימֶער אוּן מַיין וַוייבּ טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין בַּיינַאכְט, וָואס קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּנְז גֶעבְּן אַ עֵצָה אוּן וָואס ווִיל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פוּן אוּנְז?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט אִים:**

וָואס מַאכְסְטוּ פוּן גָארְנִישְׁט אַ פְּרָאבְּלֶעם? בַּיי אַסַאךְ קִינְדֶער אִיז אַזוֹי, זֵיי ווִילְן שְׁלָאפְן אִין דִי שְׁטוּבּ פוּן דִי עֶלְטֶערְן; מַאךְ נִישְׁט קֵיין עֵסֶק פוּן דֶעם, לָאז אִיר שְׁלָאפְן מִיט עֶנְק אוּן מִיט דֶער צַייט וֶועט עֶס אַוֶועקְגֵיין.

...

## נֶעם אַ חָשׁוּבְ׳עֶר רָב צוּ זַיין מְסַדֵּר קִידוּשִׁין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ה׳ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין הוֹדָעָה.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין לַאנְג גֶעטְרַאכְט צוּ אוֹיפְהֶערְן זַיין מְסַדֵּר קִדּוּשִׁין צוּלִיבּ כַּמָּה סִיבּוֹת, אוּן יֶעצְט דִי יָאר הָאבּ אִיךְ עֶס טַאקֶע אָפְּגֶעלָאזְט, בְּמֵילָא זָאלְסְטוּ נֶעמֶען אַ רָב; עֶס אִיז דָא גֶענוּג חָשׁוּבְ׳עֶ רַבָּנִים וֶועם צוּ נֶעמֶען.

אִיךְ וֶועל בְּלִי נֶדֶר קוּמֶען צוּ דִי חֲתוּנָה; סַיי לְכָבוֹד דֶער חָתָן, סַיי לְכָבוֹד דִיר, אוּן אוֹיךְ לְכָבוֹד דַיינֶע חָשׁוּבְ׳עֶ מְחוּתָּנִים.

הָעִקָּר זָאלְסְטוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ מַאכְסְט חֲתוּנָה דַיינֶע קִינְדֶער, אַלֶע זֶענֶען עֶרְלִיךְ, אַלֶע גֵייעֶן בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה, אַלֶע זֶענֶען לִיכְטִיג אוּן טַייעֶר, אָנְגֶעהוֹיבְּן בַּיי ... נֵרוֹ יָאִיר, ... נֵרוֹ יָאִיר, ... תִּחְיֶ׳, ... נֵרוֹ יָאִיר, אוּן יֶעצְט דִי חָתָן ... אוּן כִּמְעַט מַאכְסְטוּ שׁוֹין נָאךְ אַ שִׁידוּךְ;

וְויפִיל בִּיסְטוּ שׁוּלְדִיג פַאַרְן אֵייבֶּערְשְׁטְן? וְוער אִיז דֶען רֵייכֶער פוּן דִיר? דָאס אִיז דָאךְ דִי גְרֶעסְטֶע עֲשִׁירוּת.

אוֹיךְ וְויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט נֶעמֶען אִינְגֶעלַייט אוּן לֶערְנֶען מִיט זֵיי, קוּרְצֶע שִׁיעוּרִים פוּן צֶען מִינוּט, פוּפְצְן מִינוּט, הֲלָכָה וְאַגָּדָה, סַיי אִינְדֶערְפְרִי אוּן סַיי פַאַרְנַאכְט.

...

## נִישְׁט רֵייכֶערְן אַרוּם דִי שׁוּל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ה׳ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין הוֹדָעָה וְוי דוּ בֶּעטְסְט אַז דוּ וְוילְסְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל זַיין מֶער מְקוּשָׁר, מֶער אִינְוַואלְוְוד אִין דַיין לֶעבְּן.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה, דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען אַ שׁוּתָּף ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶנְק פָארְן אֵיין טָאג קַיין לֶעיקְוָואד, אֵיין טָאג קַיין מָאנְסִי וְכוּ׳. הֲפָצָה אִיז הַצָּלַת נְפָשׁוֹת, הֲפָצָה אִיז מְתַקֵּן דֶעם מֶענְטְשׁ, וּמַתָּן שְׂכָרָהּ בְּצִדָּהּ מֶען הָאט שֵׁיין פַּרְנָסָה; הַלְוַואי וָואלְטְן אַלֶע וָואס זֶענֶען מְקוּרָב עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה פוּן פַאַרְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶעבִּינְ׳ס סְפָרִים, גִּלְיוֹנוֹת וְכוּ׳ פַאר דִי וֶועלְט, וָואלְט זֵיי קֵיינְמָאל גָארְנִישְׁט גֶעפֶעלְט.

יֶעצְט אַז דוּ גֶעבְּסְט מִיר רְשׁוּת זִיךְ אַרַיינְצוּמִישְׁן אִין דַיין לֶעבְּן וְויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן, אִיךְ הָאבּ גֶעלֵייגְט אַ טָאוְול בַּיים אַרַיינְגַאנְג פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ מֶען זָאל נִישְׁט רֵייכֶערְן אִין דִי ד׳ אַמּוֹת פוּנֶעם שׁוּל, אוּן עֶס שְׁטֶערְט מִיר צוּ זֶען וְוי מֶען שְׁטֵייט בַּיים אַרַיינְגַאנְג פוּן שׁוּל אוּן מֶען רֵייכֶערְט, וְויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט נִישְׁט רֵייכֶערְן אַרוּם דִי שׁוּל; וָואס דוּ טוּסְט בַּיי דִיר - אִיז דַיין גֶעשֶׁעפְט, אָבֶּער אַז דוּ קוּמְסְט צוּ מִיר אִין שׁוּל - זָאלְסְטוּ נִישְׁט רֵייכֶערְן בַּיים שׁוּל. אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט אַזוֹי טוּן.

...

## אַ מַאן מֶעג קוּקְן אִין שְׁפִּיגְל?

### אַ אִינְגֶערְמַאן פְרֶעגְט אוֹיבּ אַ מַאן מֶעג קוּקְן אִין שְׁפִּיגְל.

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט:**

**נֵיין**

[בַּייגֶעלֵייגְט אִיז אַ בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְטְפֶערְט אוֹיף דִי שְׁאֵלָה:

**מֶעג אַ מַאן קוּקְן אִין אַ שְׁפִּיגְל?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווייס נִישְׁט פַארְוָואס, אָבֶּער אַזוֹי אִיז עֶס, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שׁוּם גְּדָרִים מִיט קוּקְן אִין אַ שְׁפִּיגְל, עֶס אִיז בַּיי מִיר אַ גֶעהֶערִיגֶע מוּתָּר'דִיגֶע זַאךְ, אוּן אִיךְ וִויל פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶס אִיז אֱמֶת אַז מֶען טָאר נִישְׁט קוּקְן אִין אַ שְׁפִּיגְל, אוּן אוֹיבּ מֶען טָאר נִישְׁט, אוֹיבּ אִיז דָא אַ פַאל וֶוען מֶען מֶעג יָא קוּקְן, אָדֶער טָאר מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט?

אִיךְ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת הֵייבּ אִיךְ אָן טְרַאכְטְן זִיךְ צוּ פַארְבֶּעסֶערְן מַיין יִרְאַת שָׁמַיִם.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ז׳ אִיָּר, כ״ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ה

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז אַ קְלָארֶע הֲלָכָה אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן קנו, סְעִיף ב): ״אָסוּר לְאִישׁ לְהִסְתַּכֵּל בְּמַרְאָה״, מֶען טָאר נִישְׁט קוּקְן אִין שְׁפִּיגְל, נָאר פְּרוֹיעֶן מֶעגְן קוּקְן אִין שְׁפִּיגְל, ״מִשּׁוּם לֹא יִלְבַּשׁ גֶּבֶר״, אַלְס דִי לַאו פוּן לֹא תִלְבַּשׁ, ״אֶלָּא אִם כֵּן מִשּׁוּם רְפוּאָה״, נָאר אוֹיבּ עֶר דַארְף דָאס פַאר רְפוּאָה, ״כְּגוֹן שֶׁחוֹשֵׁשׁ בְּעֵינָיו״, צוּם בֵּיישְׁפִּיל דִי אוֹיגְן טוּעֶן וויי אוּן עֶר דַארְף קוּקְן וָואס אִיז אִין דִי אוֹיגְן, ״אוֹ שֶׁמְּסַפֵּר עַצְמוֹ״, אָדֶער אוֹיבּ מֶען שֶׁערְט זִיךְ אַלֵיין אָפּ אוּן מֶען דַארְף זֶען נִישְׁט אָפְּצוּשֶׁערְן דִי פֵּיאוֹת, ״אוֹ אִם מִסְתַּפֵּר מִן הָעוֹבֵד כּוֹכָבִים בֵּינוֹ לְבֵינוֹ״.

דֶער רְמָ״א זָאגְט: ״וְיֵשׁ אוֹמְרִים, הָא דְּאָסוּר לִרְאוֹת בְּמַרְאָה הַיְנוּ דַּוְקָא בְּמָקוֹם

דְּאֵין דֶּרֶךְ לִרְאוֹת בְּמַרְאָה רַק נָשִׁים, וְאִית בֵּיהּ מִשּׁוּם לֹא יִלְבַּשׁ גֶּבֶר", עֶס אִיז דָא אַ שִׁיטָה וָואס זָאגְט אַז דֶער אִיסוּר אִיז נָאר אִין אַ פְּלַאץ וואו נָאר פְרוֹיעֶן קוּקְן אִין שְׁפִּיגְל, נָאר דֶעמָאלְט אִיז דָא דֶער אִיסוּר פוּן לֹא תִלְבַּשׁ, "אֲבָל בְּמָקוֹם שֶׁדֶּרֶךְ הָאֲנָשִׁים לִרְאוֹת גַּם כֵּן בְּמַרְאָה, מֻתָּר", אָבֶער אוֹיבּ דֶער סֵדֶר אִיז אַז אוֹיךְ מֶענֶער קוּקְן אִין שְׁפִּיגְל - מֶער מֶען יָא.

לְמַעֲשֶׂה אִיז מֶען מַחְמִיר נִישְׁט צוּ קוּקְן, נָאר אוֹיבּ מֶען דַארְף עֶס פַאר רְפוּאָה פַאר דִי אוֹיגְן, אָדֶער פִּינְטְלֶעךְ וְכוּ'.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט הִתְבּוֹדְדוּת אוּן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, בִּיז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין אַז דוּ אַלֵיין וֶועסְט ווערְן אַ שְׁפִּיגְל. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן יט, אוֹת ט): "כִּי צָרִיךְ לְזַכֵּךְ אֶת הַפָּנִים", מֶען דַארְף זִיךְ אוֹיסְלַייטֶערְן דִי פָּנִים, "שֶׁיּוּכַל כָּל אֶחָד לִרְאוֹת אֶת פָּנָיו", אַז יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל קֶענֶען זֶען זַיין אֵייגֶענֶע פָּנִים, "בַּפָּנִים שֶׁלּוֹ", וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף דַיין פָּנִים, "כְּמוֹ בְּמַרְאָה", אַזוֹי וִוי מֶען קוּקְט אִין אַ שְׁפִּיגְל, "עַד אֲשֶׁר בְּלֹא תוֹכָחָה וּבְלֹא מוּסָר", אַז אֲפִילוּ מֶען וֶועט יֶענֶעם נִישְׁט זָאגְן קַיין מוּסָר אוּן קַיין שְׁטְרָאף רֵייד, "יִתְחָרֵט חֲבֵרוֹ תֵּכֶף עַל מַעֲשָׂיו", וֶועט יֶענֶער חֲרָטָה הָאבְּן אוֹיף זַיינֶע מַעֲשִׂים, "רַק מִמַּה שֶּׁיַּבִּיט בַּפָּנִים שֶׁלּוֹ", נָאר פוּן קוּקְן אוֹיף זַיין פָּנִים, "כִּי עַל יְדֵי שֶׁיַּבִּיט בַּפָּנִים שֶׁלּוֹ", וַוייל וֶוען עֶר וֶועט קוּקְן אוֹיף דַיין פָּנִים, "יִרְאֶה אֶת עַצְמוֹ כְּמוֹ בְּמַרְאָה", וֶועט עֶר זִיךְ זֶען אַזוֹי וִוי אִין אַ שְׁפִּיגְל, "אֵיךְ פָּנָיו מְשֻׁקָּע בְּחֹשֶׁךְ", וִוי פִינְסְטֶער זַיין לֶעבְּן אִיז אִים.

הוֹיבּ אָן דַיין טָאג מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, גֵיי אִין אַ ווִינְקְל אוּן רֶעד אוֹיס דַיין הַארְץ, זָאג: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ ווִיל זַיין הֵיילִיג, דִי קָאפּ לִיגְט מִיר אִין נַארִישְׁקֵייטְן אוּן אִיךְ טוּ נַארִישְׁקֵייטְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שׁוֹין אָפְּלָאזְן דִי נַארִישְׁקֵייטְן אוּן זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּ דִיר", לֵייג צוּ דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילּוֹת, בִּיז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ ווערְן אַלֵיין אַ שְׁפִּיגְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

[...]

## מִיטְן גֵיין נָאךְ גֶעלְט הִיט מֶען אָפּ דִי שְׁטָאט

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ה' מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד בְּנֵי הָרַב ... שְׁלִיטָ"א, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

מַזָּל טוֹב צוּ דִי שִׂמְחָה בַּיי אוּנְז, אִיךְ הָאבּ אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן 'עַמְרָם' נָאכְן זֵיידְן הָרַב הַצַּדִּיק רֶבִּי עַמְרָם אוֹישׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה.

דֶער זֵיידֶע אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, עֶר הָאט עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין תּוֹרָה, עֲבוֹדָה אוּן גְּמִילוּת חֲסָדִים, עֶר הָאט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אַלֶע אַלְמָנוֹת אוּן יְתוֹמִים אִין שְׁטָאט סַאטְמֶער, אוּן הֱיוֹת דוּ בִּיסְט אוֹיךְ עוֹסֵק אִין גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַּאר מִשְׁפָּחוֹת וָואס דַארְפְן הִילְף - ווִיל אִיךְ דִיר דֶערְצֵיילְן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה.

אַמָאל אִיז דֶער זֵיידֶע רֶבִּי עַמְרָם גֶעגַאנְגֶען נָאךְ גֶעלְט פְרַייטָאג, אוּן אַרַיין אִין אַ גֶעשֶׁעפְט בֶּעטְן צְדָקָה. דֶער בַּעַל הַבַּיִת אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְהֵייבְּן אַז דֶער זֵיידֶע קוּמְט שְׁטֶערְן, הָאט עֶר אִים אַרָאפְּגֶעלָאזְט אַ פְּרַאסְק, הָאט דֶער זֵיידֶע זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "דָאס הָאט אִיר גֶעגֶעבְּן פַּאר מִיר, אוּן וָואס גֶעבְּט אִיר פַּאר דִי אַלְמָנוֹת אוּן יְתוֹמִים?" דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט זִיךְ גֶעכַאפְּט וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, הָאט עֶר אִים גֶעגֶעבְּן אַ שֵׁיינֶעם סְכוּם.

דָאס זָאג אִיךְ דִיר, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט וֶוערְן בַּאלֵיידִיגְט וֶוען אֵיינֶער שְׁרֵייט אוּן זָאגְט וְכוּ', דוּ גֵיי נָאךְ גֶעלְט בַּיי אַלֶע הַייזֶער אוּן בַּיי אַלֶע מֶענְטְשְׁן אִין שׁוּל, הִיט אָפּ דֶעם שְׁטֶעטְל; מִיטְן גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַּאר מִשְׁפָּחוֹת נִצְרָכִים הִיט מֶען אָפּ דִי שְׁטָאט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְט.

גֵיי שְׁלָאפְן פְּרִי, שְׁטֵיי אוֹיף פְּרִי, גֵיי אִין מִקְוֶה, זָאג תִּיקוּן חֲצוֹת, חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, תִּיקוּנִים, לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אוּן גֶעב גוּטֶע וֶוערְטֶער פַּאר יֶעדְן אֵיינֶעם.

דַיין טַאטֶע.

...

**גֶעעֶנְדִיגְט שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל**

אַ אִינְגֶערְמַאן שְׁרַייבְּט: בָּרוּךְ הַשֵּׁם, הַיינְט הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה זַייט אוּמַאן וֶוען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל אָנְהֵייבְּן ח״י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט אִים:

"מַאכְסְט מִיךְ פְרֵיילִיךְ".

...

**דִי גְרוֹיסֶע זְכוּת פוּן מְנַדֵּב זַיין פַארְן סֵפֶר שְׂפָתַי תִּפְתָּח**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פָּרָשַׁת לֶךְ לְךָ, ו' מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען דִי זְכוּת פוּן דִי מַהֲדוּרָה פוּן סֵפֶר שְׂפָתַי תִּפְתָּח, דִי אִידִישֶׁע לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, הָאסְט מְנַדֵּב גֶעוֶוען פוּפְצִיג טוֹיזֶנְט דָאלֶער; אִיךְ בִּין מְקַנֵּא דַיין זְכוּת.

דִי סֵפֶר שְׂפָתַי תִּפְתָּח אִיז אַ הֶערְלִיכֶע פֵּירוּשׁ אִין אִידִישׁ אוֹיפְן סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, אַ גְרִינְגֶע זִיסֶע פֵּירוּשׁ, וָואס אֲפִילוּ קִינְדֶער קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר. אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן זָאגְן מִיר אַז זַייט זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען דִי קוּנְטְרֵסִים אוֹיף דִי תּוֹרוֹת פוּן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן פַארְשְׁטֵיין דִי הֵיילִיגֶע סֵפֶר, אוּן עֶס הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן אַ טַעַם אוּן פַארְשְׁטַאנְד אִין דֶעם סֵפֶר.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן שמו) אַז דֶער סֵפֶר אִיז 'אַתְחַלְתָּא דִגְאוּלָה', נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם): "צְרִיכִים לִלְמֹד אוֹתוֹ הַרְבֵּה", מֶען דַארְף לֶערְנֶען דַיין סֵפֶר זֵייעֶר אַסַאךְ, "עַד שֶׁיִּהְיֶה שָׁגוּר בְּעַל פֶּה", בִּיז מֶען וֶועט עֶס קֶענֶען אוֹיסְנְוֵוייניג.

נָאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט, אוֹיבּ מֶען וֶועט לֶערְנֶען אַסַאךְ דַיין סֵפֶר (שָׁם, סִימָן שמז): "יְכוֹלִין לִזְכּוֹת לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה אִישׁ כָּשֵׁר בֶּאֱמֶת", קֶען מֶען וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

נָאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן שמ), וָואלְט דִי וֶועלְט מִיךְ גֶעהֶערְט זָאגְן תּוֹרָה מִיט דֶעם נִיגוּן, מִיט דֶעם טַאנְץ - וָואלְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען.

נָאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן שעז; שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רד), וֶוער עֶס קֶען גוּט זַיין סֵפֶר קֶען אַלֶעס טְרֶעפְן אִין זַיין סֵפֶר, אוּן אֲפִילוּ אַ שִׂיחָה אוּן אַ יֶעדֶע עִנְיָן בָּעוֹלָם - "יָכוֹל הַשָּׁלֵם לִמְצֹא בְּתוֹךְ תּוֹרָתוֹ"; וְהָעִקָּר, אַז אֲפִילוּ אַ פַּארְשְׁטָאפְּטֶע הָארֶץ, אוֹיב וֶועט עֶר לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר וֶועלְן אִים אַלֶע אָדֶערְן טְרֶענֶען וְכוּ' (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמט).

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ וֶועל הָאבְּן דִי צַייט אוּן דִי כֹּחוֹת צוּ גֵיין וַוייטֶער מִיט דֶעם הֵיילִיגְן פֵּירוּשׁ, צוּ קֶענֶען עֶנְדִיגְן דֶעם פֵּירוּשׁ אוֹיפְן גַאנְצְן סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אוּן וואוּיל אִיז דֶעם וָואס וֶועט הָאבְּן שֵׂכֶל צוּ הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין הַדְפָּסַת וַהֲפָצַת סִפְרֵי רַבֵּינוּ, וֶועט עֶר הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דִי גְּאוּלָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, וֶוען דֶער סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וֶועט אַרַיינְגֵיין אִין דִי וֶועלְט קֶען מֶען זִיךְ גְרֵייטְן אוֹיף בִּיאַת מָשִׁיחַ (פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תתלו בְּהַגָּהָה).

...

## רְפוּאָה שְׁלֵימָה בִּזְכוּת אַרַיינְלֵייגְן דִי כֹּחוֹת אִין דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ח' מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד הַמְּלַמֵּד ... נֵרוֹ יָאִיר

אוֹיף דַיין פְּרַאגֶע וָואס דוּ קֶענְסְט זִיךְ פָּארְנֶעמֶען צוּ זַיין גֶעזוּנְט נָאכְדֶעם וָואס דוּ בִּיסְט גֶעלָאפְן אִין שְׁפִּיטָאל בַּיים כַאפְּן אַן אַטַאקֶע פוּן גַאל שְׁטֵיינֶער לֹא עָלֵינוּ.

אִיךְ קֶען דִיר זָאגְן וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען דְרַייצְן יָאר צוּרִיק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין שְׁפִּיטָאל, וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט עֶפֶּענְדִיקְ"ס הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; אִיךְ הָאבּ זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען לִיגְנְדִיג אִין שְׁפִּיטָאל מִיט יְסוּרִים נוֹרָאִים אַז אִיךְ וֶועל מְחַזֵּק זַיין אוּן מְקָרֵב זַיין בָּחוּרִים; אִיז אֶפְשָׁר זָאלְסְטוּ

זיך מְקַבֵּל זַיין צוּ שְׁמֵייכְלֶען צוּ דַיינֶע טַייעֶרֶע תַּלְמִידִים פון כִּתָּה ..., טַייעֶרֶע קִינְדֶער, רֵיינֶע נְשָׁמוֹת, זֵיי לִיבּ הָאבְּן, גֶעדֶענְקֶען אַז קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט שְׁלֶעכְט, קִינְדֶער זֶענֶען הֵיילִיג און רֵיין, דִי וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף זֵיי, זֵייעֶר תּוֹרָה אִיז אַזוֹי הֵיילִיג אַז עֶס הַאלְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט זָאגְן פַאר אַ קִינְד: "אִיךְ וֶועל דִיר צֶעבְּרֶעכְן יֶעדֶע בֵּיין", רַחֲמָנָא לִצְּלָן; אֲפִילוּ מֶען פַארְלִירְט זִיךְ - אִיז דָאס נִישְׁט וֶוערְטֶער וָואס מֶען מֶעג זָאגְן פַאר קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר שִׁיקְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה בִּזְכוּת וָואס דוּ לֵייגְסְט אַרַיין יֶעדֶע טְרָאפּ כֹּחַ אִין דִי הֵיילִיגֶע קִינְדֶער.

טְרִינְק אַסַאךְ וַואסֶער.

...

## מַאכְן אַ סִידִי פַאר בָּחוּרִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת לֶךְ לְךָ, ח׳ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי סִידִי "מַיין בֶּעסְטֶע פְרֶענְד" אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען הֶערְלִיךְ שֵׁיין, הוּנְדֶערְטֶער פְּרוֹיעֶן און מֵיידְלֶעךְ הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט אִין זַיין עֶרְלִיךְ און וואוֹיל, יֶעצְט דַארְפְן מִיר מַאכְן אַ סִידִי פַאר בָּחוּרִים, אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט מִיר הֶעלְפְן מַאכְן אַ סִידִי פַאר זֵיי.

דָא הָאסְטוּ אַ לִיסְטֶע פון דִי צֶען נִיגוּנִים: 1) טְשִׁיל מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, 2) נֶעם דִיר אַ וֶועג וַוייזֶער, 3) בָּאקְסְן, קַארַאטִי און בַּאדִי-בִּילְד וֶועט נִישְׁט עֶרְפִילְן דִי לָאךְ אִין דַיין זֶעל, 4) גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג פון וֶוער עֶס רֶעדְט שְׁמוּצִיג, 5) דִי סַכָּנָה פון דְרָאגְס, 6) רֶעד צוּם בַּאשֶׁעפֶער כָאטְשׁ אֵיין מִינוּט, 7) וֶועיפּ נִישְׁט, עֶס אִיז אַן עֶדִיקְשְׁן וָואס מֶען קֶען נִישְׁט אָפְּלָאזְן, 8) זָאגְן תּוֹרָה אִיז דִי עֵצָה פַאר אַלֶעס, 9) קוּק נִישְׁט קַיין מָאוִויס, 10) מֶען דַארְף רֶעדְן שֵׁיין צוּ אַ טַאטֶע.

מֶען מוּז זִיךְ יָאגְן צוּ רַאטֶעוֶוען דִי יוּגְנְט, מֶען קֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף

קֵיינֶעם, וַוייל עֶס אִיז אַ גֶעוַואלְד, עֶס פַאלְן אַוֶועק טָאג טֶעגְלִיךְ אַזוֹיפִיל טַייעֶרֶע נְשָׁמוֹת, אוּמְוֶועלְנְדִיג, אַזוֹיפִיל בָּחוּרִים אוּן אִינְגְלֶעךְ פַאלְן אַוֶועק, מֶען דַארְף קוּמֶען צוּ זֵיי מִיט זֵייעֶר שְׁפְּרַאךְ, זֵייעֶר מוּזִיק, זֵייעֶר שְׁפִּיל. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, דִי מַעֲשֶׂה מִיטְן אִינְדִיק; דֶער חָכָם הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעטוּן זַיין בֶּעקִיטְשֶׁע, זַיין סְטְרָאקֶעס, זַיין פֶּעפִּיטָא הוֹיזְן אוּן גֶעשְׁפִּילְט מִיטְן אִינְדִיק, בִּיז עֶר הָאט אִים צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט צוּם פַּאלַאץ פוּן קֶענִיג, אוּן אֲפִילוּ דֶער קֶענִיג הָאט שְׁפֶּעטֶער גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּן: "יֶעצְט בִּיסְטוּ שׁוֹין מְסוּדָר, דַארְפְסְט מֶער נִישְׁט הָאבְּן מִיט יֶענֶעם..."

...

### גֶעבְּן שַׁאטְס פַאר קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ח' מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

בְּנוֹגֵעַ גֶעבְּן שַׁאטְס פַאר קִינְדֶער; יֶעצְט זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַוֶועק אַפָּאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער אִין יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקּוֹדֶשׁ פוּן דִי מַחֲלָה מִיזֶעלְס, מֶען זֶעט קְלָאר וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מִיט אִיבֶּער צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק, וֶוער עֶס גֶעבְּט נִישְׁט שַׁאטְס פַאר דִי קִינְדֶער - אִיז אַ רוֹצֵחַ.

אִינְטֶערֶעסַאנְט אִיז, אִין בְּרֶסְלֶב אִין מֵאָה שְׁעָרִים וָואס מֶען טוּט אַלֶעס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט - זָאל מֶען הָאבְּן אַזֶעלְכֶע חָכְמוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אוֹיךְ בַּיי אוּנְז אִין שְׁטֶעטְל זֶענֶען דָא טַייעֶרֶע וואוֹילֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס אַלֶעס טוּט מֶען וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, בִּיז גֶעבְּן שַׁאטְס פַאר דִי קִינְדֶער.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס פָאלְגְט דִי תּוֹרָה, פָאלְגְט וָואס דִי צַדִּיקִים זָאגְן, אוּן גֵייט נִישְׁט נָאךְ דִי אֵייגֶענֶע שֵׂכֶל.

...

**פַאֲרְוָואס אִיגְנָארִירְט מִיר מַיין וַוייבּ?**

**אַ אִינְגֶערְמַאן פְרֶעגְט:**

וָואס טוּ אִיךְ אַז לְמַעֲשֶׂה וֶוער אִיךְ זֵייעֶר גֶעטְשֶׁעפֶּעט אוּן צֶעמִישְׁט וֶוען מַיין וַוייבּ אִיגְנָארִירְט מִיךְ אוּן וַוייזְט מִיר אַז זִי אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין מִיר?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט אִים:**

וֶוען דַיין וַוייבּ אִיגְנָארִירְט דִיךְ אִיז דָאס נִישְׁט אַ סִימָן אַז זִי וִויל דִיךְ נִישְׁט, דָאס אִיז אַ סִימָן אַז עֶפֶּעס טוּט אִיר וֵויי; נֶעם עֶס נִישְׁט פֶּערְזֶענְלִיךְ.

...

**מֶען טָאר נִישְׁט גֵיין צוּ עַרְכָּאוֹת**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ח׳ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

עֶס אִיז אַ קְלָארֶע הֲלָכָה (חֹשֶׁן מִשְׁפָּט, סִימָן כו) אַז מֶען טָאר נִישְׁט גֵיין צוּ עַרְכָּאוֹת אֲפִילוּ בֵּיידֶע צְדָדִים זֶענֶען מַסְכִּים, אוּן חַס וְשָׁלוֹם וֶוער עֶס גֵייט אִין עַרְכָּאוֹת אִיז אַ רָשָׁע, אוּן עֶר פַארְשְׁוֶועכְט דִי נָאמֶען פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, ״וְהֵרִים יָד בְּתוֹרַת מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם״, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיין הַאנְט קֶעגְן דִי תּוֹרָה.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן צוּ הֶערְן אַז אַזַא זַאךְ פַּאסִירְט בַּיי מִיר אִין דִי קְהִילָה; אִיךְ זָאג קְלָאר, בַּיי מִיר קֶען נִישְׁט זַיין אִין דִי קְהִילָה אֵיינֶער וָואס גֵייט אִין עַרְכָּאוֹת, אוֹיךְ וֶועל אִיךְ אַרוֹיסְוַוארְפְן דִי קִינְדֶער פוּן דִי מִשְׁפָּחָה וָואס גֵייט אִין עַרְכָּאוֹת.

דָאס וָואס דוּ טַעֲנָה׳סְט אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קֵיין בְּרֵירָה, דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין תֵּירוּץ, דוּ בִּיסְט מְחוּיָב יֶענֶעם צוּ רוּפְן צוּ דִין תּוֹרָה, אוּן אַז בֵּית דִין גֶעבְּט רְשׁוּת צוּ גֵיין אִין קָארְט, וֶוערְט גֶע׳פַּסְקְ׳נְט (שָׁם, סְעִיף ב) - אַז מֶען מֶעג גֵיין צוּ עַרְכָּאוֹת.

דֶערִיבֶּער זָאג אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט רוּפְן דַיין טֶענֶענְט צוּ דִין תּוֹרָה, אוּן

נָאר אַז זֵיי זָאגְן דִיר אַז דוּ מֶעגְסְט גֵיין אִין קָארְט - זָאלְסְטוּ דָאס טוּן, אוּן חַס וְשָׁלוֹם גֵיין אִין קָארְט אָן אַ רְשׁוּת בֵּית דִין, וַוייל דָאס אִיז דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירָה, עַד כְּדֵי כַּךְ, אַז דִי אַחֲרוֹנִים זָאגְן (שָׁם), אַז מֶען קֶען יֶענֶעם נִישְׁט מְצָרֵף זַיין צוּ מִנְיָן.

דָאס אִיז חוּץ הַמַּעֲשֶׂה אַז וֶוער עֶס גֵייט אִין קָארְט הָאט נָאר שָׁאדְן.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט אָפְּגֶעלָאזְט דִי עַרְכָּאוֹת אוּן דוּ גֵייסְט צוּם בֵּית דִין.

הַמְצַפֶּה לִישׁוּעַת הַשֵּׁם.

...

קוּק אַריין אִין סֵפֶר רֵאשִׁית חָכְמָה שַׁעַר הַקְדוּשָׁה, פֶּרֶק טז, בַּיים סוֹף פֶּרֶק, וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת; מֶען זָאל זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן אַ בֵּית עַרְכָּאוֹת, נִישְׁט אֲפִילוּ קוּקְן אוֹיף דֶעם וְכוּ׳, עַיֵּין שָׁם.

...

## אָן דֶעם צַדִיק, פַארְגֶעסְט מֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ח׳ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן דִיר, אִיךְ הָאף אַז אַלֶעס אִיז גוּט אוּן פַיין.

אִיךְ ווִיל דִיךְ מְחַזֵק זַיין דוּ זָאלְסְט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ מִיטְן תַּרְגוּם אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג תִּיקוּן הַכְּלָלִי, דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ], דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען הַצְלָחָה.

אַז דוּ וֶועסְט פְרֶעגְן, וָואס דַארְף מֶען גֵיין צוּ אַ צַדִיק, מֶען קֶען דָאךְ גֵיין גְלַייךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, אָנֶעם צַדִיק פַארְגֶעסְט מֶען

פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער צַדִיק דֶערְמַאנְט אוּן מָאנְט מִיר זָאלְן גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ.

...

### ווי שֵׁיין דוּ הֶעלְפְסְט אוּן פִירְסְט דִי ווירְטְשַׁאפְט אִין שְׁטוּב

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ח' מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**צוּ מַיין טַייעֶרֶער זוּן, הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בַּתּוֹרָה וּבְיִרְאַת שָׁמַיִם, לֶערְן יֶעדְן טָאג ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת; אוֹיךְ פְרַייטָאג, אוֹיךְ שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, אַזוֹי וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

אִיךְ דֶערְצֵייל פַאר מַאמִי תִּחְיֶ' ווי שֵׁיין דוּ הֶעלְפְסְט מִיר אִין דִי טֶעג וָואס מַאמִי רוּט זִיךְ אָפּ, ווי דוּ פִירְסְט אַ שֵׁיינֶע ווירְטְשַׁאפְט אִין שְׁטוּב, דָאס אִיז אַ סִימָן אַז דוּ קֶענְסְט שׁוֹין טְרָאגְן אַחְרָיוּת פוּן חֲתוּנָּה הָאבְן.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט מְקָרֵב זַיין אוּן מְחַזֵק זַיין אַלֶע בָּחוּרִים, בִּפְרַט דִי צֶעבְּרָאכֶענֶע הֶערְצֶער, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זֵייעֶר נָאנְט צוּ דִי מֶענְטְשְׁן, "קָרוֹב ה' לְנִשְׁבְּרֵי לֵב" (תְּהִלִּים לד, יט), דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאנְט צוּ דִי צֶעבְּרָאכֶענֶע הֶערְצֶער, "לֵב נִשְׁבָּר וְנִדְכֶּה אֱלֹקִים לֹא תִבְזֶה" (שָׁם נא, יט); גֶעבּ גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר אַלֶעמֶען, דָאס אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵייעֶר חָשׁוּב.

פוּן טַאטִי.

...

### נִישְׁט גֵיין אִין אָפִּיס פַארְן דַאוֶונֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ח' מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל דִיךְ דֶערְמַאנֶען זָאלְסְט נִישְׁט גֵיין אִין אָפִּיס נָאר נָאכְן

דַאוֶּוענֶען, דַוְקָא אִין שׁוּל. אַז מֶען גֵייט גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי אִין אָפִּיס, פַארְן גֵיין אִין שׁוּל - קֶען מֶען וֶוערְן אַ גוֹי, מֶען קֶען אִינְגַאנְצְן פַארְפַאלְן גֵיין.

אִיךְ בֶּעט דִיר, גֵיי אִין שׁוּל אוּן נָאכְדֶעם גֵיי צוּ דִי אַרְבֶּעט. אֲפִילוּ עֶס אִיז דָא אַסַאךְ אַרְבֶּעט, מֶען יָאגְט אוּן מֶען לֵייגְט פְּרֶעשׁוּר - זָאלְסְטוּ עֶרְשְׁט גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶּוענֶען. הַלְוַואי אַז דוּ קֶענְסְט עֶרְשְׁט כַאפְּן אַ טְבִילָה, מִיט קְדוּשָׁה, בָּרְכוּ, קְדֵשִׁים, אַזוֹיפִיל גוּטְס; אַז מֶען קוּמְט אִין שׁוּל וֶוערְט מֶען אַ אִיד אוּן מֶען אִיז מַצְלִיחַ.

זָאג יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת מִיט דֶעם "יוֹם תְּהִלִּים", וֶועסְטוּ קֶענֶען לַאכְן בַּיים לֶעצְטְן טָאג, "וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן" (מִשְׁלֵי לא, כה), אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה נג, ב): "אֵימָתַי הַתּוֹרָה מְשַׂחֶקֶת לָאָדָם, הֱוֵי לְיוֹם אַחֲרוֹן", בַּיים לֶעצְטְן טָאג, דֶעמָאלְט קוּמֶען אַלֶע פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא, אוּן מֶען קֶען זִיךְ גוּט אוֹיסְלַאכְן.

...

## קוֹיפְן אוּן דִינְגֶען הַייזֶער נָאר דוּרְךְ דִי הַנְהָלָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ח' מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיינֶע בְּרִיוו.

עֶרְשְׁטְנְס זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז מֶען קֶען גָארְנִישְׁט דִינְגֶען אָדֶער קוֹיפְן אִין שְׁטֶעטְל אָן רֶעדְן מִיט דִי הַנְהָלָה, אוּן אֲפִילוּ קִינְדֶער וָואס לֶערְנֶען שׁוֹין בַּיי אוּנְז אִין דִי מוֹסְדוֹת וֶועלְן נָאר קֶענֶען וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין בַּיי אוּנְז, כָּל זְמַן דִי עֶלְטֶערְן קוֹיפְן אוּן דִינְגֶען הַייזֶער נָאר דוּרְךְ דִי הַנְהָלָה.

אִיךְ וִויל נִישְׁט הָאבְן מִיט דִי דִירָה צוּטוּן, אִיךְ הָאב שׁוֹין גֶעהַאט גֶענוּג קָאפּ וֵויי פוּן דֶעם, עֶרְשְׁט הָאב אִיךְ דִיר גֶעוָואלְט הֶעלְפְן מִיט דִי דִירָה, שְׁפֶּעטֶער הָאסְטוּ גֶעשִׁיקְט אַ הוֹדָעָה אַז דוּ צִיסְט זִיךְ אַרוֹיס, בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען דָאס אָנְטְרָאגְן פַאר אַ צְוֵוייטְן, נָאכְדֶעם הָאסְטוּ מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, דוּ צִיסְט זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיס פוּן דִי קָאנְטְרַאקְט, הָאב אִיךְ

גֶעדַארְפְט יֶענֶעם זָאגְן אַז נִישְׁט, אִיז יֶענֶער גֶעוָוארְן וַויי גֶעטוּן אוֹיף מִיר, אוּן יֶעצְט עוֹדְךָ ווִילְסְטוּ זִיךְ אַרוֹיסְצִיעֶן אוּן גֵיין דִינְגֶען בַּיי אֵיינֶעם.

זַיי מִיר מוֹחֵל, פוּן יֶעצְט אוּן ווייטֶער וָואס דוּ ווִילְסְט טוּן וֶועגְן דִינְגֶען אָדֶער קוֹיפְן – זָאלְסְטוּ רֶעדְן מִיט דִי הַנְהָלָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מִשְׁפָּחוֹת וָואס מַאכְן זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת לֶךְ לְךָ, ט׳ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, בָּאס מֶענִידְזְשֶׁער, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט מִיט אַרְבֶּעטְן מִיט דִי אָפִּיס, רְפָאֵל נֵרוֹ יָאִיר וֶועט דִיר אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי נֶעמֶען פוּן דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס מֶען קֶען מֶער נִישְׁט אוֹיפְנֶעמֶען דִי קִינְדֶער צוּ חֵדֶר אוּן סְקוּל; זָאלְסְט מִיט אַרְבֶּעטְן מִיט אִים, וַוייל דָאס קוּמְט פוּן מִיר, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט דָאס צוּ מַאכְן; מֵהַיּוֹם וָהָלְאָה, דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס מַאכְן זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג וֶועלְן מִיר זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג מַאכְן.

לֶערְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, דָאס וֶועט דִיךְ טוֹישְׁן, וֶועסְט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי זְכוּתִים פוּן בּוֹיעֶן אַזַא שֵׁיינֶע שְׁטֶעטְל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת לֶךְ לְךָ, י״א מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ ווִיל דִיךְ סַיי דַאנְקֶען אוּן סַיי אִיבֶּער בֶּעטְן; עֶרְשְׁט פַאר דִי שֵׁיינֶע שׁוּל וָואס דוּ הָאסְט אוֹיפְגֶעבּוֹיט, אוּן אוֹיךְ אוֹיף דִי שֵׁיינֶע חֵדֶר.

אִיךְ וֵייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט, אַז אִיךְ בִּין דִיר גֶעבְּלִיבְּן שׁוּלְדִיג פַּארְן שׁוּל אִין שְׁטֶעטְל אַזוֹיפִיל גֶעלְט; וָואלְט אִיךְ גֶעוְוּיסְט אִין וָואס פַּאר אַ גְרוֹיסֶע גֶעלְטֶער עֶס וֶועט אַרַיינְצִיעֶן - וָואלְט אִיךְ דָאס נִישְׁט גֶעטוּן; אִיךְ בֶּעט אִיבֶּער, אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ טוּן וָואס אִיךְ קֶען צוּ קֶענֶען עֶנְדִיגְן בַּאצָאלְן וויפִיל אִיךְ קוּם דִיר.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט גֶעדֶענְקֶען דִי נִסִּים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר בִּיז אַהֶער, דֶערְמַאן זִיךְ וויפִיל מָאל דוּ הָאסְט גֶעמֵיינְט אַז עֶס אִיז עֶק וֶועלְט, בִּיסְט גֶעוֶוען אַזוֹי צֶעדְרוּקְט מִיט חוֹבוֹת, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעהָאלְפְן, אַזוֹי וֶועט יֶעצְט אוֹיךְ זַיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן גְרוֹיסֶע נִסִּים, וֶועסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי דַחְקוּת אוּן הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע מִיט דִי זְכוּתִים פוּן בּוֹיעֶן אַזַא שֵׁיינֶע שְׁטֶעטְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן דִי עֶלְטֶערְן אִין שָׁלוֹם בַּיִת פְּרָאבְּלֶעמֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י״א מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

מוֹהֲרַא״שׁ זָאגְט, רוֹב גִיטִין קוּמֶען פוּן דֶעם וָואס דִי עֶלְטֶערְן מִישְׁן זִיךְ אַרַיין אִין דִי לֶעבְּן פוּן דִי פָּארְפָאלְק, עֶלְטֶערְן מֵיינֶען זֵיי טוּעֶן גוּטְס וֶוען זֵיי זָאגְן: ״מִיר הָאבְּן לִיבּ אוּנְזֶער קִינְד, מִיר וֶועלְן נִישְׁט לָאזְן אוּנְזֶער קִינְד זָאל לַיידְן״, אוּן זֵיי אַלֵיין בַּאגְרָאבְּן זֵייעֶר קִינְד.

זַיי מְחַזֵּק דִי פָּארְפָאלְק, גֶעבּ זֵיי צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז וֶוען זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַמְפֶּעֲרֵייעֶן צְווִישְׁן זִיךְ וְכוּ׳ - זָאלְן זֵיי רֶעדְן צוּ זֵייעֶר רַב, זֵייעֶר מוֹרֶה דֶרֶךְ; דִי וַוייבְּל זָאל זִיךְ פַארְבִּינְדְן מִיט אִיר כַּלָּה טִיטְשֶׁער, מְנַהֶלֶת, אָדֶער אַ וַוארֶעמֶע קְלוּגֶע טִיטְשֶׁער וָואס וֶועט נִישְׁט אוֹיפְהֶעצְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; אָבֶּער

נִישְׁט לוֹיפְן צוּ דִי עֶלְטֶערְן, וַוייל אֲפִילוּ קְלוּגֶע עֶלְטֶערְן וָואס הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע וְכוּ׳, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער פַארְלִירְט מֶען דִי שֵׂכֶל, מֶען נִיצְט דִי גֶעפִיל אוּן עֶס קֶען אַרוֹיסְקוּמֶען אַ חוּרְבָּן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס עֶנְק טוּעֶן פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ, אוּן פַארְן מְשַׁמֵשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי׳ן; וְויסְן זָאלְט אִיר, מְשַׁמֵשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי׳ן אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶנְק זָאלְן הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט אָפְּהאלְטְן אַ שִׁידוּךְ פַאר אַ בָּחוּר הֶעכֶער דִי צְוָואנְצִיג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י״א מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג; וִוי מֶעג מֶען זָאגְן פַאר אַ בָּחוּר הֶעכֶער דִי צְוָואנְצִיג זָאל נִישְׁט מַאכְן דִי שִׁידוּךְ צוּלִיבּ דֶעם וָואס דִי מֵיידְל וִויל גֵיין אַ שֵׁייטְל? וִוי מֶעג מֶען זָאגְן פַאר אַ בָּחוּר הֶעכֶער דִי צְוָואנְצִיג זָאל זִיךְ עַקְשְׁנְ׳עֶן פַאר אַ טִיכְל - וֶוען אַלֶע גְדוֹלִים וְצַדִיקִים הָאבְּן מַתִּיר גֶעוֶוען צוּ גֵיין אַ שֵׁייטְל?! וִוי בִּיטֶער אִיז צוּ זַיין אַ פְּלַג גוּף, אֲפִילוּ נָאר פַאר אֵיין טָאג, פַאר אֵיין שָׁעָה, הַשֵׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

זַיי מְחַזֵק דֶעם בָּחוּר עֶר זָאל פְרֶעגְן זַיינֶע סְפֵיקוֹת אוּן שְׁאֵלוֹת בַּיי צַדִיקֵי אֱמֶת וָואס וֶועלְן אִים מַדְרִיךְ זַיין בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה, אוּן אַז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ אִיז חֲתוּנָה הָאבְּן; אֱמֶת אַז אַ טִיכְל אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג, אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט הֶעכֶער וִוי חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן אַז מֶען זֶעט אַז עֶס גֵייט נִישְׁט קֵיין שִׁידוּךְ אוּן עֶס קוּמְט אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ - טָאר מֶען נִישְׁט אָפְּהַאלְטְן דִי שִׁידוּךְ צוּלִיבּ דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דַיין וַוייבּ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק שְׁמוּעֶסְן אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִיר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י״א מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

מַיין טַייעֶרער לִיבֶּער ...

דַיין וַוייבּ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין מִיט דִיר, שְׁמוּעֶסְן מִיט דִיר, פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִיר, אָבֶּער דוּ הָאסְט דִי קְלֵיינֶע מַאשִׁינְקֶעלֶע וָואס דוּ קוּקְסְט אוּן דוּ לֵיינְסְט שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת, נֶעכְט אוֹיף נֶעכְט; בִּיסְט מַמָּשׁ שִׁיכּוֹר פוּן דֶעם.

זִי בֶּעט זִיךְ, זִי ווִיל דִיר, זִי הָאט דִיךְ לִיבּ, זִי ווִיל אַ מַאן, אָבֶּער דוּ בִּיסְט אִין אַ צְוֵוייטֶע וֶועלְט. עֶס אִיז אַזַא שָׁאד, הָאסְט גֶעלֶערְנְט בַּיי מִיר, בִּיסְט אַ גוּטֶער, בִּיסְט אַ וואוֹילֶער, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דַיין שַׁדְכָן אוּן יֶעצְט זֶע אִיךְ ווִי אַלֶעס צֶעפַאלְט צוּלִיבּ דִי קְלִיפָּה פוּן קוּקְן אוּן לֵיינֶען אוֹיפְן מַאשִׁינְקֶעלֶע.

וַוארְף אַוֶועק דִי זַאכְן, גֵיי אַהֵיים צוּ דַיין וַוייבּ, רֶעד מִיט אִיר, פַארְבְּרֶענְג מִיט אִיר, אַזוֹי ווִי דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט בַּיי מִיר. זַיי זִיךְ צוּרִיק מְקָרֵב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶוען מֶען אִיז מְקוּרָב צוּם צַדִיק אֱמֶת, צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - אִיז אִין שְׁטוּבּ אַ 'גַן עֵדֶן', דִי שְׁטוּבּ אִיז אַ זִיסֶע פְּלַאץ, מֶען הָאט הֲנָאָה צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ, מֶען שְׁפִּירְט דִי שְׁכִינָה אִין שְׁטוּבּ, מֶען רֶעדְט שֵׁיין מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ. אַז מֶען לֶעבְּט מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ - בְּרֶענְגְט מֶען דִי שְׁכִינָה אִין שְׁטוּבּ, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקסג): "אִין דִי צַייטְן פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט מֶען גֶערוּפְן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה 'שָׂרָה', אִין דִי צַייטְן פוּן יִצְחָק אָבִינוּ הָאט מֶען גֶערוּפְן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה 'רִבְקָה', אִין דִי צַייטְן פוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט מֶען גֶערוּפְן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה 'רָחֵל אוּן לֵאָה'", אוּן דֶער רֶבִּי פִירְט אוֹיס: "וְכֵן הוּא אֵצֶל כָּל אֶחָד וְאֶחָד", אוּן אַזוֹי אִיז בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶנְק וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זֶרַע שֶׁל קַיָימָא

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י״א מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן**

**... נֵרוֹ יָאִיר, מֶעקְסִיקָא**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט עֶנְק הֶעלְפְן, עֶנְק וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זֶרַע שֶׁל קַיָימָא.

נָאר אֵיין זַאךְ בֶּעט אִיךְ עֶנְק, פַארְלִירְט אַייךְ נִישְׁט, דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט עֶנְק, דָאס וֶועט עֶפְּעֶנען דִי הִימְל, עֶס וֶועט פַּאסִירְן נִיסִים. אַזוֹי וִוי מוֹהֲרַנַ״ת פְלֶעגְט זָאגְן, וֶוען מֶען דַאנְקְט אוּן מֶען לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כִּבְיָכוֹל אִין הִימְל פַאר דִי מַלְאָכִים: ״קוּקְט דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר דַאנְקְט מִיר אוּן עֶר לוֹיבְּט מִיר, אִיךְ וֶועל אִים גֶעבְּן אַזוֹיפִיל גוּטְס, אַסַאךְ מֶער וִויפִיל עֶר הָאט, אַסַאךְ מֶער וִויפִיל עֶס קוּמְט אִים, עֶר זָאל מִיר נָאךְ מֶער דַאנְקֶען״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען מוּז צָאלְן שְׂכַר לִימוּד

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״ב מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט בַּאצָאלְן שְׂכַר לִימוּד, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט אִין אָפִּיס מִיט דֶעם אַדְמִינִיסְטְרַאטֶער רְפָאֵל נֵרוֹ יָאִיר, אִיךְ גֵיי מִיט אִים דִי וָואךְ אִיבֶּערְגֵיין דִי נֶעמֶען וֶוער עֶס צָאלְט נִישְׁט, אוּן פוּן דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וֶועלְן דִי בָּאסֶעס נִישְׁט קוּמֶען נֶעמֶען דִי קִינְדֶער בַּיי דִי מִשְׁפָּחוֹת.

זַיי מִיר מוֹחֵל אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין אַנְדֶערֶע וֶועג, מִיר גֵייעֶן נֶעמֶען דִי זֶעלְבֶּע גַאנְג מִיט דִי קִינְדֶער וָואס דִי עֶלְטֶערְן נֶעמֶען מִיט אוּנְז, דִי עֶלְטֶערְן

וָואס הַאלְטְן דִי קִינְדֶער טַייעֶר וֶועלְן מִיר אַלֶעס טוּן פַּאר דִי קִינְדֶער, אוּן דִי עֶלְטֶערְן וָואס מַאכְן זִיךְ נִישְׁט צוּ טוּן פוּן דִי מוֹסָד - וֶועלְן מִיר זִיךְ נִישְׁט צוּ טוּן מַאכְן פוּן עֶנְק.

...